Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem

NAJER FOLKSBLAT — פרייז 35 גראשען. — היינט 16 זייטען.

נייער פאלקסבלאט

№ 136 | Łódź, Piątek, 13 czerwca 1930 r. | אכטער יאהרגאנג | לאדז, פרייטאג, יז סיון תר״ץ | № 136

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. | אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71

Dom Manufakturowo-Konfekcyjny **L. TRAJSTMAN,** Piotrkowska 81

האט אנגעהויבען א גרויסען אויספערקויף פון נייהייטען

פון איצטיגען סעזאן, ווי אויך פון דאמען-פאלטענס

מיט א ראבאט ביז 50%

וואונדער-שעהנע זיידענע רעשטען — קינסטלינער פ.לאר פון 1.95 זל. מושלין (de Laine) פון 4.70 זל.

העלענאוו — א גראנדיעזע גארטען-פערוויילונג

שבת, ד. 14 יוני, 2 נאכמ. קומט פאר

לטובת די שולען און קינדער-היימען ביים מעדעם-קוראטאריום.

מיט זעהר א נאיינהאלטסרייכען פראגראם / 2 בלאז-א־קעסטערס / קאנצערט-טייל מיט׳ן אנטייל פון פילהארמאניע-א־קעסטער אונטער דער ליטונג פון פראפ. ט. רידער. כאר ביי דער גנו. „קולטור-ליגע" און אנדערע פרטסישע כוחות. ספארט-איבונגען פון די מ׳טכער גרופען ביי דער גנו. „מארגענשטערן". קינדער-דעפילאדע פון די יודיש-וועלטליכע שולען מיט דער בעגלייטונג פון ארקעסטער ביי דער גמזעלס. „קולטור-ל גע". פאנטאזי-לאטעריע מיט 1000 ווערטפולע חפצים, צום פרייז פון 30 גר. א בילעט. אויסערדעם נאך א גאנצע רייה פערש. אריגינעלע פאלקס-פערוויילונגען: בעגנעל ש פייער, יאפאנישע זון, קינסטלערישע נ׳גאטרא, וואטער פאל א. א. ביים ארייננאנג בעקומט יעדעס קינד א מתנה.

בילעטען צום פרייז פון 1 גילדען (פאר קינדער 50 גר.) צו בעקומען אין מעדעם שול, ציגעלגאס 17 און שבת-אויף צען טאג אין קאסע פון „העלענאוו".

גיט ארויס דעם זומער-סעזאן

פריהשטיקען וועגעטאריאנישע פון 5 גענג — מיטאגען, אווענדברויטען

טעגליך פון 7 ביז 2 א זייגער ביינאכט. צוגענגליכע פרייזען.

קאנצערט פון ערשטע-קלאסיגען דזשאדז-באנד-אנסאמבל

קאוויארניע „ATLANTIC"

פיעטריקאווער 48, טעל. 162-11

בעקאנטמאכונג.

דער לאנג יעהריגער בעוואוסטער

גלאט כשר׳ער רעסטאראן

און האטעל פון **צ. ראזענבלום**

38 פיעטריקאווער 38

גיט ארויס טעגליך **מיטאגען** פון 2.50 זל. און ווי אויך **פריהשטיק און אווענדברויטען** צו ביליגע פרייזען. — צו ביליגע פרייזען.

בעמערקונג: דער האטעל איז געווארען גרינדליך רעמאנטירט און מען בעקומט שעהנע און בעקוועמע צימערן צו ביליגע פרייזען. די פירמע עקזיסטירט פון 1902 יאהר.

מיט אכטונג **צ. ראזענבלום**

38 פיעטריקאווער 38, טעל. 111-02.

בוכהאלטעריע

איינפאכע און דאפעלטע

איטאליענישע

און אמעריקאנישע

ווי אויך מאשין שרייבען און רעכנען לערן איך אויס גרונדליך פאר 30 זל. בכלל מאשין-שרייבען 10 זל. צו עלנ. 55 רעבעקע אפיצ. ע ה. 15 קרש ער אחנ-אגב. בעמערקונג: מיר ערמעגלען אויך קארעספאנדענץ האנדעל-רעכענען און סמע אנראגיע

עס ווערען געזוכט

מעדלעך

קוואליפ צירטע נייטארינס צו טריקאטאזש ווי אויך נעדלען צום אויפערטיגען אין דער פראצאווניע צו ארבייטען.

א. דיאמענטשטיין,

נאוואמיעיסקא 7.

חשבת אבדה

ס׳א.ז מיר פערלוירען בנחמען א קאנטערס, אין מעלבן ס׳איז געשריבען א פראגציוויזשער בריף פון בעלגיע, מיט א תנאים אוני חי ס׳האט פאר קיינעם קיין שום ווערט ניט, ווערט דער ערליכער פינדער געבעטען אפצוגעבן געגן געהעריגע בעלוינונג צו ביעלינסקי מאריושינער גאס 8

ריכטיג פאר

שטאפער געזעלען

א גוטער קאטליציגי מער שטאפער-געווערב, וואס זאל קענען גוט ווינטערן און שהן נייהען, העכסט געצאלט פון זאפארט בעי בענערס-ראמיש אלעמאנס 15.

PATRIA — בעקאנטמאכונג.

די בעקאנטע פירמע

„PATRIA" - שאקאלאד- און צוקערווארען-פאבריק

מאכט בעקאנט דעם געעהרטען פובליקום,

אז אלע אינזערע אויסארבייטונג, וואס זענען פראדוצירט פון די בעסטע מאטעריאלען און מאכאניש אויסגעארבייט אויף די נייעסטע מאשינען זענען פערזעהען דורכאויס מיט דער אויפשריפט **„PATRIA"**, ווי: „פאנטאזיע", „בריליאנט", „קארמעלן", „טאפעל-שאקאלאד", „איריס" א. א. וו.

עלטערן! מאכט אויפמערקזאם אייערע קינדער אז ביים קויפען ווייסע פאר 5 גראשען 10 גראשען א שטיק, זאל זיין דערויף דער אויפשריפט „PATRIA".

בעמערקונג: ארויס 2 שטיק 5 גראשען

פערלאנגט נור פון דער פירמע

„PATRIA"

PATRIA | PATRIA

דער קעניג פון די וועלט-חזנים, ר׳ גרשון סיראטא

אין זאל פילהארמאניע, נארוטאוויטשא 20

דעם 13.6 אין דעם 14.6, פ׳ בהעלותך, פרייטאג, 8.30 אוונט צו קבלת שבת אין שבת ב״ה, 9 א זייגער – שחרית און מוסף, וועט דאווענען דער בעריהמטער אין אלע וועלט-טיילען, דער חזן איבער אלע חזנים

ר׳ גרשון סיראטא

פאר זיין אפפאהר נאך א געגנטינא אויף ימים נוראים.

גרשון סיראטא וועט אויספיהרען זיינע נייעסטע קאמפאזיציעס מיט׳ן אנטייל פון דעם בעריהמטען לאדזער פראפעסיאנעלען כאר אונטער דער לייטונג פון דעם יונגען טאלאנטפולען מוזיקער ה׳ גערץ רובין.

פערזאהט אייך מיט בילעטען. ביליגע פרייזען!

די קליינע צאהל איבערגעבליבענע בילעטען פון 1 ביז 2.50 זל. נאך צו בעקומען: 1) אין זאל פילהארמאניע, נארוטאוויטשא 20, ביי ה׳ י. זאלמאנאוויטש, עקע פיאטריק. און פאלג.נ., 3) און ביי ה׳ דיגמאנט, נאוואמיינסקא 24 (וואורשט געשעפט).

בעמערקונג: פאר פרויען בעזונדערע רעזערווירטע פלעצער.

17235

אין נאמען פון 300 צוריק געקומענע פון א ק-ישראל, וואוינהאפט אין לאדז, דריקען מיר אויס אונזער טיפסטען צער און ביילייד זעם חבר יושב ראש פון „התאחדות עולי פולין" און תל אביב **אברהם לערנער** צוליב׳ן טויט פון זיין אומפערגעסליכער פרוי

חיי נ״ע

וועלכע איז געוועזען איינע פון די גוטע בעסטע פיאנערינס אין קאמף פאר׳ן אויפבוי פון ארץ-ישראל. זיין טרייסט זאל ער געפינען אין דער ווייטערדיגער ארבייט אין ארץ ישראל.

ועד אגודת למען ארץ ישראל

יושב ראש מאיר זיירע, מזכיר אינזשיניער יצחק זשעלינסקי

מזל טוב

אונזער חשוב'ן פערוואַלטונגס-מיטגליד

הערשעל גדאנסקי און פרוי

צום געבורט פון זייער נייגעבוירענעם זוהן

ווינשען מיר אַ הערצליכען מזל-טוב און אַ גרינגע דערציהונג.

די פערוואַלטונג פון יוד. פליישער-הורט-אַוואָקעב-פעראיין אין לאָדז, פּאַדזשעטשנאַ 10.

מזל-טוב

אונזער ווערטען פריינד ה'

הערשל גדאנסקי און פרוי

צום געבורט פון זייער ניי געבוירענעם זוהן ווינשען מיר פיל גליק און אַ גרינגע דערציהונג.

יהודה יוסף אדלער און פרוי.

אכטונג

קליינפישהענדלער!

צענטראַלער קליינהענדלער פעראיין פון לאָדזער וואָיעוואָדזשטווע

לאָדז, פּאָמאָרסקאַ 15. — פישער סעקציע —

זונטאג, דעם 15/6 1930 פּינקטליך 4 נ"מ קומט פאָר

א גרויסע פאַך-פערזאַמלונג

מיטגלידער אויך נישט מיטגלידער קומט מאַסענוויז, צו פערטיידיגען אייערע אייגענע אינטערעסען.

מיט אַכטונג די פערוואַלטונג.

ענטשולדיגונג!

דע-מיט בעט איך ענטשולדיגונג ביים פּרעזעס פון יוד. פליישער-הורטאַווניקעס-פעראייז, פאַדזשעטשנאַ 10,

ה' יהודה יוסף אדלער

פאַר מיין נישט טאַקט-שען אַרויסטריט נעגען איהם אין כ'פּערזיכער, אַז אַזעלכעס וועט זיך מעהר נישט ווידערהאָלען. אַלס צייכען פון חרטה שפּענדע איך 25 זל. אויף וואוילטעטיגע צוועקען.

מיט אַכטונג אברהם אייזען.

אכטונג! וויכטיג פאר לעטניקעס

פרישע געשמאַקע היימישע

צום

מיטאגען פרייז 2.50

פון 4 געענג מיט געפליגעל

איז צו בעקומען נאָר אויף

צעגעלניאנא 12, טעל. 176-40

ביטע זיך איבערצייגען!

מעכאנישע וועבעריי

קאָמפּלעט איינגעאָרדענט, בעשטעהענד פון 22 שטיהל ענגלישע און קאַרט-שטיהל. צווירנעריי מיט 300 שפּינדעל. מעכאַנישע שער-מאַשינען, ווי אויך מיט אַלע נעהילפס-מאַשינען אין צענטרום שטאָט אין פוילען בעטריב

ביליג צו פערקויפען

אָפערטען אונטער "B" אין אַדמיניסטראַציע.

פענסיאנאט „זדראָוויע"

ס. ראַפּאַפּאָרט ווישניאָווא-גורא איז שוין אָפען.

ס'זענען איינגעפיהרט פול פערבעסערונגען. זוניגע צימערען און סאַנאָאָטע וועלדער.

שמעקענדע קיך און בעדינונג. מעסיגע פרייזען!

אכטונג! פאַר יוגענד פון 15-טען יוני 10% ביליגער אכטונג!

אינפאָרמאַציעס ערטיילט: מ. ראַפּאַפּאָרט, פּיעטריקאָווער 9 און אויפ'ן אָרט

קופאן 10

צוויטע סעריע

פון גרויסען פּרעמיען-קאָנקורס פון „נייעם פאָלקסבלאַט"

כדי זיך צו בעטייליגען אין דער 2. סעריע פון פּרעמיען-קאָנקורס, איז גענוג צו צושיקען בלויז 20 קופאָנען

שנייד אויס דעם קופאן!

אונזער חשוב'ן פריינד ה' משה דיקערמאַן און פרוי צו דער פערלאָבונג פון זייער ליבע טאָכטער פרל. באַלטשע מיט ה' שיע קאַנטאָראָוויטש ווינשען מיר אַ הערצליכען מזל-טוב און דעם יונגען פּאָר אַ גליקליכע צוקונפט.

ערעס פינטשעווסקי און פרוי

צו דער חתונה פון אונזער חבר אברהם פנחס ראַפּאַפּאָרט מיט פרל. גוטשאַ עהרענפריד וועלכע איז פאָרגעקומען פרייטאָג דעם 6 יוני 1930 ווינשען מיר אַ הערצליכען מזל-טוב. זאָל אייער לעבענס-וועג בעצירט זיין מיט פיל גליק.

די פערוואַלטונג פון דער חברה „כנסת בחורים" פּעפּער-גאַס 17

צו דער חתונה פון אונזער מיטגליד ה' מרדכי הערש מאַרסעוויטש מיט פרל. אנדזשאַ סלאַדקעוויטש ווינשען מיר פיל גליק, זאָל אייער לעבענס וועג מיט רויזען בעצירט זיין.

חברה „כנסת צעירים"

מזל-טוב!

מיין ליבע שוועסטער רעגינאַ און שוואָגער הערשל גדאַנסקי צום געבורט פון אייער

זוהנדעלע

ווינש איך אייך פיל גליק און אַ גרינגע דערציהונג

שוועסטער לאַנ א. מאַריע פלוזנער

Z intencji zaręczyn kolegi naszego

p. Szyji Kantorowicza

z p. Belą Dykermanówną

życzymy wiele szczęścia i wiecznego zadowolenia

Sala Talermanówna

Gedalja Parzenczewski.

Z intencji zaręczyn siostry mojej

p. Feli

z p. Heńkiem Lewinówiczem

życzę wiele szczęścia i różowej przyszłości

Felek Bryner.

אויפרוף צו אלע פערמיטלער

אין דער טעקסטיל-בראַנזשע לאָדז און ראַיאָן.

לעצטענס איבער דעם אַלגעמיינעם קריזיס, בעזונדערס אין לאָדז, איבערהויפּט אין דער טעקסטיל-בראַנזשע, דאַ אַמהאַלבסטענס האָט דער קריזיס געטראָפען דעם פערמיטלער, וואָ נדען זיך צו אונז אין פעראיין פערשידענע פערמיטלער פון דער טעקסטיל-בראַנזשע, נישט אונזערע מיטגלידער, וועלכע ווערען פערשידענאַרטיג בעשוואָלט, פערמיטלער נעגען פּראָטעסט דורך אַגענטען, רעזוגנער, סוחרים א.ז.וו. נאָך ראַט און הילף צו שיצען זייערע אינטערעסען, לויט אונזער רעגולאַמין דאַרפען מיר נישט פערטיידיגען אינטערעסען פון נישט מיטגלידער.

האָבען מיר געפונען פאַר אַ מאָראַלישען חוב קעגענזייטיג צו ערקלערען אַלע פערמיטלער פון דער טעקסטיל-בראַנזשע אין לאָדז און ראַיאָן און זייער אָנגענעם איינצוטרעטען צו קומען זיך פערשרייבען אַלס מיטגלידער אין אונזער פעראיין אום צו קענען שיצען זייערע אייגענע אינטערעסען. אונזער פעראיין, וועלכער עקזיסטירט שוין 25 יאָהר איז שטענדיג בעשטרעבט אויף דער הויך אין די פּינקטע צו שיצען די אינטערעסע, פון זייערע מיטגלידער מיט ראַט און טאַט צו יעדער צייט.

ביים פעראיין עקזיסטירט אַ שיד-געריכט-סעקציע, גמ"ח קאַסע, געגענזייטיגע לעבענס-פערזיכערונג-קאַסע, בופעט, אַ סעקרעטאַריאַט צו געבען עצות און ערקלערונגען און פערשיידענע אַנגעלעגענהייטען.

פערמיטלער וועלכע ווילען זיך פערשרייבען אַלס מיטגלידער קענען בעקומען ערקלערונגען יעדען טאָג פון 5—7 אין אונזער קאַנצעלאַריע פּיאָטרקאָווסקאַ 64 שבת און יו"ט געשלאָסען.

די פערוואַלטונג.

א רוף צו דער יוד. בעפעלקערונג!

יודען! די שמוגעל-שחיטה ווערט לעצטענס פערשפּרייט אין אַן אויסערגעוועהנליכער פאָרם. מענשען עסען אין זיך אַריין בשוגג נבלות וטרפות, שולדיג אין דעם איז נאָר די יודישע פרוי, זי גיט זיך נישט אָפּ קיין רעכנונג, אַז זי נאָר זי איז אַ מאכל טרפות, דערמיט וואָס זי גיט נישט אַכטונג צו קויפען עופות. נאָר מיט אַ פּלאָמבע ביים פיסעל, וואָס איז געשאָכטען פון שוחטים, וועלכע זענען אונטער דער השגחה פון ראַבינאַט און ועד הכשרות.

מיר ווענדען זיך צו אייך! זעהט, אַז דורך איינמאָל וואָס איהר קויפט אַזאַ שמוגעל-שחיטה עסט איהר שטענדיג טרפות חו"ח, די כלים ווערען טרפה און איהר נוצט זיי ווייטער! אַלזאָ קויפט נישט קיין עוף אָהן פּלאָמבע. פערלאָזט אייך נישט אויף דער ערנטליכקייט פון געניזער, נאָר זעהט מיט אייערע אויגען, וואָס איהר קויפט. מיר ווענדען זיך אויך צו די רעסטאָראַציעס, און אַזוי גערופענע „היימישע מיטאָגען", איהר זאָלט נישט קויפען קיין עופות, נאָר אַזעלכע, וואָס זענען פּלאָמבירט, מיר וועלען שיקען געהיימע קאָנטראָלערען אין אייערע רעסטאָראַציעס קאָנטראָלירען, ווען עס דעט זיך אַרויסווייזען, אַז איהר קויפט אָהן אַ פּלאָמבע, וועט מען פּערעפענטליכען אין דער פּרעסע, אַז מען טאָר ביי דעם זעלבען נישט עסען. ווי ריבער ווענדען מיר זיך צו אייך, זייט פאָרזיכטיג און קויפט דעם איסור נבלות וטרפות, וואָס אַ הר ווערט נכשל ח"ות.

די וועלכע וואוינען אויף זומער-וואוינונגען דאַרפען אַכטונג געבען נישט צו קויפען ביי אַרומטרעגערס, וועלכע האָבען נישט קיין פּלאָמבירטע עופות.

ועד הרבנים ועד הכשרות ביי דער יודישער קהלה אין לאָדז

8-טונג! „בית-לחם" וואָסכאָדניאַ 68/70

צוליב טעכנישע סיבות איז די

גאַרטען-פערוויילונג

וועלכע האָט געזאָלט פאָרקומען זונטאָג, דעם 15. יוני ד. י. אין גאָרטען פּיעטריקאָווער 113

געוואָרען אָפּגעלייגט אויף דאָנערשטאָג, דעם 19/6

די פערקויפטע בילעטען זענען גילטיג אויף דער גאָרטען-פערוויילונג.

7373 מיט אַכטונג די פערוואַלטונג.

נ"ע חנה פייגע אשת ר' יהודה ז"ל רופּמאַן

(פון דערהיים קריינבאָרד)

איז נאָך לאַנגע, שווערע ליידען היינט געשטאָרבען אין עלטער פון 68 יאָהר. די לויה קומט פאָר היינט פרייטאָג, דעם 13 יוני 1930, 12 אַזייגער בייטאָג פון טרויער-הויז וואָלטשאַנסקאַ 168, וועגען וואָס עס טיילן מיט אין גרויס צער

זיהן, טעכטער, שניריך, איידעמס און אייניקלעך

הרינו משתתפים בצערו הגדול של חבר הועד הלאומי ליהודי ארץ-ישראל מר אברהם לרר

בהלקח ממנו בלא עתה

אשת נעוריו ז"ל

בעבודתו למען ארץ-ישראל ינחם!

ועד הסתדרות הציונית בלודז

דעם טיפטען טיעפּעהל דריקען מיר אויס זער

פאמיליע פאמעראַנץ

צוליבן פריהצייטיגן טויט פון זייער אונפערגעסליכן זוהן און ברודער

נ"ע אהרן לייב

זייט געטרייסט!

הערש נראַס, פייוויש גאָזשדזשיס.

דעם טיפסט,ן ביילייד דריקען מיר אויס אונזער לאַנג יעה-ריגען פערוואַלטונגס-מיטגליד ה' ישראל קארמיאל צוליב דעם טויט פון זיין

פאטער נ"ע

וועלכער איז פון אייך אוועקגער סען געוואָרען.

זייט געטרעסטעט מן השמים המקום ינחם אתכם בתוך שארי אבלי ציון וירושלים

די פערוואַלטונג פון „גמילת חסדים" בנים גרינעס מאַרק 7

דאס ערשטע ארטאדאקסישע לעהר-אנשטאלט

„דרכי-נעם" פון ג. א. ליסס

אין לאָדז, קילינסקי 50, טעלעפאָן 26-215

מאַכט דערמיט בעקאַנט, אַז די איינשרייבונגען פונדי תלמודים אויף נייעם שול-יאָהר 1930/31 ווערען אָנגענומען טעגליך אין דער קאַנצעלאַריע פון 9 ביז 1 און פון 4 ביז 7 נאָכמיטאָג.

בעמערקונג: גלייכצייטיג ווערט געמאָלדען, אַז פאַר די בעקוועמליכקייט פון די קינדער, וועלכע וואוינען אויף דער צווייטער זייט פון דער טראַמוויי-ליניע אויף דער פּיעטרקאָווער גאַס וועט געעפענט ווערען פון נייעם שול-יאָהר 1930/31 ד. ה. פון 1 ווערשעשיען 1930, אין אַ ערשטקלאַסיגז, קאָמפּאָרט איינגעאָרדענטען, גרויסען און ליכטיגען לאָקאַל מיט אַלערליי נויטיגע טעכנישע און היגיענישע איינריכטונגען מיט דעם זעלבען בעוואוסטען אין לאָדז לעהר-פּערסאָנאַל פון „דרכי-נעם", קילינסקי 50

א לעהר-אנשטאלט אויף אלעי 1 מאי 20

(זשעראָמסקאַ 16 פראָנט 1 שטאָק)

אַלע איינשרייבונגען פון די תלמידים ווערן אָנגענומען אין דער קאַנצעלאַריע אויף קילינסקי 50.

די לייטונג.

צו דער עפענטליכקייט!

אזוי ווי מיר לאדזשער יודישע מצבה-קריצער האבן אפגע־האלטן איינע זיצונגען בנוגע דער צעך פראגע און אויך צו בעהאנדלען מעהרערע פאך-פראגען און ה׳ פאסמאניק איז דערכאויס אין אלע פראגען א נזער געגנער און דערמיט איז ער אויס.ן צו רואיגירען מעהרערע פאמיליעס פון אונזער פאך. אזוי ווי מיר ליידען שוין גענוג פון דעם זעלבען ה׳ פאסמאניק אויף פערשידענע אופנים און דערצו נאך די לעצטע מסרו־כען און גנבות פון זיינע אנטערנעהמער בענע קוויטען אין דער יודישער גמינע אויף מצבות צו שטעלען, וועלכעס מיר זעגען אומיסט בעשמוצט געוואָרען, דעריבער פעראורטיילען מיר דעם הערן פאסמאניק אלס צושטערער פון אונזער פאך־עקזיסטענץ. ז״ל די עפענטליכקייט משפט׳ן אזוי א צושטערער פון יודישע פרנסות אין דער היינטיגער קריטישער צייט.

די לאדזער יודישע מצבה-קריצער

(עס פאלגען אונטערשריפטען)

אנ׳ארט צו שלאפען!

פאר 2 אנשטענדיגע יונ־געלייט, איז אפצוגעבען.

צו ערפאהרען

14 פאמארסקא 14, ביי לאסקי, אויפ׳ן הויף.

שייטלען

צו מעסיגע פרייזען

צו בעקומען ביי

5 פארושוצקא, קאם ענא 5

1905—XXV—1930

Kursy Handlowe

I. MANTINBANDA W ŁODZI

Przejazd 1/, tel. 157 91.

בעקאנטמאכונג.

דערמיט מאך איך בעקאנט, אז דאנערשטאג ד.ם 19 יוני ה. י. קומט פאר אין זאל פון לאדזער מענער-געזאנג פעראיין, פיעטריקאווער 243 — די

25 יעהריגע יובילייו-פייערונג פון די קורסען

צו דער דאזיגער פייערונג, האב איך דעם כבוד איינצולאדען אלע מיינע געעהרטע ציהערער און צהערערינס, וועלכע האבען דורך דער צייט די קורסען בעזוכט און אויך די, וועלכע בעזוכען איצט מיינע האנדעל-קורסען.

נאמענטליכע איינטריטס קארטען צו דער פייערונג גיט ארויס די קאנצעלאריע פון די קורסען (פשע אזד 12) ביז׳ן 18 יוני ד.י. איינשליסליך, טעגליך פון 9–1 מיטאג און פון 3–9 אוו.

Kierownik kursów J. Mantinband.

יין כשר!!!

ווער עס וויל זיך איבערצייגען, אז ווין דארף זיין גוט, כאטש ער קאסט ביליג, עמפפעהלען מיר פון דער נייער ערעפענטער ווין און מעהר-פאבריק

אפלאש פון א ¼ ליטער זעהר וויין גוטען ראזינען ווין

צו פאבריקס-פרייזען

באר 65 גראשען.

מיט אכטונג

ווין- און מעהד פאבריק „פראגרעס" 2 אלטער מארק 2

ווינטיג פאר שייבלערס ראיאן!!

דערמיט מאך איך בעקאנט דאס געעהרטע פובליקום פון שייבלער׳ס ראיאן, אז מיין גוט בעקאנטער

רעסטאראן גלובנא 63

גיט ארויס טעגליך פון 12–4 נאכמ.

געשמאקהאפטע כשר׳ע מיטאגען

צו זעהר ביליגע פרייזען.

מ׳בעקומט זעהר גוטע פרישטיקען און אווענדברויטען.

סאלידע און שנעלע בעדינונג. אויף פערלאנג ווערען אויך מיטאגען בצוגעשטעלט פינקטליך אהיים.

מיט אכטונג

רעסטאראן-איינגעמער

ש. שטרויסמאן

63 גלובנא 63

Ciechocinek

וולאצלאווסקא גאס

ווילא „Wiktorja"

Dr. med. W. ŁASKI

אינערליכע און קינדער-קראנקהייטען.

נעמט אן פון 15-טען יוני 1930

עויפפאדערונג!

דערמיט ווערען אויפגעפאדערט אלע גלויבינגער פון דער פירמע

„Doris"

אינה. ס. רזשעושינסקי

לאדז, קאנסטאנטינער 1

כדי זיי זאלען מעלדען זייערע פרעטענזיעס ביז׳ן 1-טען יולי ד. י. אין בעגענאנט ל ווצ״ע. אלע פרעטענזיעס נאך דעם אויבענדערמאנטען טערמין נישט ווערען בעריקזיכטיגט.

מיט אכטונג

F. CHARENZOWSKI i D. RZEZINSKA

העברעאישע 7-קל. קאעדוקאציאנס-שולע

„יבנה"

צעגעלניאנא 75, טעל. 134-13

די לייטונג פון דער שולע מעלדעט, אז עס ווערען אנגענומען איינשרייבונגען אין אלע קלאסען, ווי אויך אין די פרעבעל-שולע און A°. ניי-איינגעשריבענע קינדער דארפען ביילייגען געבורטס צייגנישען ווי אויך בעשטעטיגונגען אויף געשטעלטע פאקען.

די קאנצעלאריע פון דער שולע איז טעטיג פון 8 ביז 2 נאכמ.

Dr. Donchin

ספעציאליסט פאר אויגען-קראנקהייטען

צוריקגעקעהרט

מאנושקי 1, טעל. 209-97

נעמט אן פון 9–1 מיטאג און פון 4–7 אווענד.

בעקאנטמאכונג

דערמיט מאך איך בעקאנט דער ג׳ קונדשאפט, אז מיין ערשטקלאסיגער

הערן-שניידער-אטעליר

איז פון לאגעווניצקא 8 איבערגעטראגן געווארן אויף

ריבנא 11

און נעהם אן זעמטליכע בעשטעלונגען.

מ ט אכטונג

הערן-שניידער

דוד קאללער 11 ריבנא 11

קראנקע פאר רופטורען און פאר די פע. קריפלונגען

רופטורען, ווי אויך פעיקריפלונגען פאר מען נישט פארנאכלעסיגען, ווייל די פאלגען פון זיי קענען ווערען זעהר געפעהרליך. די רופטורען ווערען גרעסער, ווי א מענשליכער קערפער און קען פעראורזאכען א טויט. נעמט אלע אכטונג פון די קישקעס. כפּ וציעלע ארט. פ. דישע גומענע היילבאנדאזש שען און מ׳ן מעמארע בעזייטיגען ראדיקאל די געשוועלכטע. און פער־על פעטע רופטורען ביי מענער, פרויען און קינדער.

אויף דער פעררימונג פון קרייץ-ביין, געגען דעם שאטען פון הויכערע פלאטפעס און שטארקערע פלעס פיס, פריזעגע אינלאגען, קינסטליכע הענט און פיס. גומענע שטרימף אויף פערגרעסערטע אדערן, טעגליך פון 9 ביז 1 בייטאג און פון 3 ביז 7 אין אוונט.

ארטאפעדישע אנשטאלט

spec. J. RAPAPORT Ortoped ze Lwowa

Łódź, WÓLCZAŃSKA 29, front II p.

בעמערקונג: דאס פערזענליכע ערשיינען פון די קראנקע איז אומבעדינגט נויטיג.

דאנקזאגונג.

דעם געעהרטען ה׳ דיר. י. ראפאפארט, ספעצ. פאר ברוך-לייזערונג אין לאדז, וואלטשאנסקא 29, פון מיין בעסטען דאנק, פאר ד״ר ניכער אנוואר ווייזונג און הילף און מען האט מיך געראטעוועט פון דעם שווערן און פאר מיר לעבען געפעהרליכען ברוך. פאר דעם חשבון און פון זיין מעשה, דאנק איך אויף דעם וועג הערצליך און עמפפעהל איהם ראטה פאר אלע ברוך-ליידענדע.

יוסף פליעג.

קאצענעלזאן-נאחומאב

די רענאמירטע ערציהונגס-אנשטאלט פון 7-קלאסיגע שולע און פרעבלשולע

8 נאר לודקא 8 (צווישען גוואמיעסקא און וואכאדניא)

טעלעפאן 177 01 (פון 11 ביז 2)

קינדער אין שול-צוואנג עלטער ד. ה. פון 7 ביז 15 יאהר ווערען אנגענומען אין די קלאסען: A, B, C, I, II, III, IV

אין פארבערייטונגס-קלאס A° ווערען אנגענומען ענטוויקעלטע קינדער פון 5½-7 יאהר. אין די פרעבעל-שולע (שפיל שולע) קינדער פון 3-7 י.

חוץ דעם אלגעמיינעם שול-פראגראם, קענען די ארטאדאקסישע קינדער געניסען פון באכמיטאג-חדר וואו ס׳ווירד געלערנט גרונדליך אלע למודי-קודש, דהיינו: חומש. רש״י, נ״ך, גמרא, ותוספות דורך מלמדים ספעציאליסטען אונטער דער פערזענליכער השגחה און הנהלה פון בעוואוסטען למדן ר׳ יעקב בנימין קאצענעלזאן

בעמ.: די צאהל שטיק, ווי אויך מלמדים פאר למודי-קודש זענען היי-יאהר בעדייטענד פערגרעסערט.

פאר פיזיש שוואכע קינדער, ווי אויך פאר אונבעמיטעלטע עקזיסטירט א נאכמיטאג שולע, נאכמיטאג חדר

ביז 50% ביליגער

נאכמיטאג פרעבלשולע

אנ׳ארט צו שלאפען

פאר א אנשטענדיגען יונגעמאן, איז אפצוגעבען.

צו ערפאהרען

פיעטריקאווער 33.

אטיכטיגע ווירטשאפטערין

ווערט פון זאפארט געזוכט פאר דעם יתומים-הויז זגערזשער 40. צו מעלדען זיך זונטאג פון 4–6 אין קאנצעלאריע.

Zaginione Zostały

2 kwity Nr. 6010 i 7059 wyd. przez Bank Zw. Sp. Zarobkowych, Sienkiewicza 22 w dniu 20,5 1930.

1) 7 weksli w ogólnej sumie Zł. 776.

2) 6 weksli na ogólnę sumę Zł. 945. oraz na dol. 65,53

Zaginiony został również weksel na Zł. 200 wyst. A. Kleczewski, Włocławek, zlecenie I. Sienicki pł. 15,9 30. Kwity unieważniam. Znalazca zechce zwrócić za wynagrodzeniem do D. Bergera Kilinskiego 16

כשר! פענסיאנאט

וויאסנא

גלאוונע

געפינט זיך אין וואלד / וואסער / 5 מינוט פון דער סטאנציע / רעיעלע בעהאנדלונג / ביליגע פרייזען

צו ערפאהרען ביי דער סטאנציע גלאוונע 17337

באהן בופעט.

PODZIĘKOWANIE

Niniejszem składam serdeczne podziękowanie p. Drwi JGNACEMU MARGOLISOWI okolista w Łodzi Al. Kościuszki 21 I piętro, II wejście, godzina przyjęć od 1–2 i od 5-7 wiecz. za bezpłatne leczenie mnie z choroby oczu.

Frania Wiewiórowska

Lagewnicka 9.

רעיעל און פינקטליך!

שערט מען אין שליכטע וועלט און מאלעט מען די שליכטעריי

בו מואלעני קע׳ מען אן דיר

שליכטעריי

J. ŻWIKOWSKI Łódź, Podleśna 18 tel. 21506

LEKARZ DENTYSTA

ש. ליבערמאן

צייז-כירורג

11 ליסטאפאד (קאנסטאנטינער) 46, טעל. 172-06.

נעמט אן פון 1–7 אווענד

צו לעטשניצע - פרייזען.

Dr. med. I. OAJNBERG

Cegielniana 47, tel. 26-02

אינערליכע קראנקהייטען.

ספעציעל פאר לונגען- און הארץ-קראנקהייטען, בשטראהלונגען און קינסטליכע בערג-זון.

נעמט אן פון 3–5 נאכמ.

צאהן-ארצט

St. Gelberg

וואוינט יעצט

Zawadzka 14, tel. 108-33

Dr. Z. Rakowski

ספ. פאר אוירען-, נאז-, האלז- און לונגען-קראנק.

9 קאנסטאנטינער 9, טעלעפאן 27-81.

שפרעכשטונדען פון 12—2 און פון 5—7. נעמט אויך אן אין לעטשניצע, נאוואראטער 17 פון 10—11 און פון 2 - 4

לאזט נישט הפקר אייער פערמעגען

ווינטיג פאר פרויען!

ביליגער פערקויף פון פערשידענע אויסערטיגע מאדערנע פאלקעס

אויך מיט פאריזער שרינגדעם.

בעשטעלונגען ווערען פראמפט אויסגעפיהרט.

צו בעקומען ביי פרוי צוקער, קאנסטאנטינער 15

עלטערן!

אין מיין נאכמיטאג חדר-שולע

Dr. Różaner

הויט, ווענערישע קראנקהייטען און מענער-שוואכ

Dzielna (Narutowicza) 9 tel. 128-98

נעמט אן פון 8-10 פריה און פון 5–8 אוונט

Dr. med. IGNACY MARGOLIS

ספעציאליסט פאר אויגען-קראנקהייטען

צוריקגעקעהרט.

נעמט אן פון 1–2 נאכמ. און פון 5–7 אווענד.

אל. קאשטשושקי 21, II טויער, טעל. 165-17.

בעמאמר איך פאר זיין אויף ומטער אחו גוגבס, קליגוס אן טעלעפאן 175-88, ה.מ מען איך פעיר כעין א מגרע האוינונגען, פאבריקען און געשעפטען פון פייער און גנבות צו זעהר גינסטיגע בעדינגונגען.

ער.ס.ע, מאר פון גרון- און קאפיטאל-פארזיכערונג

ת. סאנסקער, סאמיעננא 9.

טעלעפאן 175-88.

עלטערן!

נאכמיטאג חדר-שולע

אין מיין נאכמיטאג חדר-שולע לערנען קינדער, וואס לערנען אין פאלקס-שולען און לערנען חומש, רש״י, תנ״ך, משניות, גמרא, ספרים, לערנען און שרייבען העברעאיש און יודיש. עס ווערען אויך אנגענומען אנפאנגער וואס ס׳וועלען אונטערריכט פון 5 יאהר. גרונדליכע לערנונג. א שטרענג-רעליגיעזע ערציהונג. צוגענגליכע פרייזען.

אנמעלדונגען טעגליך 4 ביז 7 אווענד.

יחיאל דוד ראזענפעלד

פלאץ וואלנאשטשי (גייט א.א.) 6

לוק פערלאזט ארץ=ישראל

לאנדאן, 12 (יט"א טעלעגראפיש).

דער בריטישער אונטער-סעקרעטאר פון א"י לוק פערלאזט שוין אינגיכן א"י. לוק איז באשטימט געווארן אלס וויצע-גובערנאטאר פון מאלטא. די נאמינאציע איז שוין אונטערגעשריבן פונ'ם ענגלישן קעניג.

אראבישער טרויער-טאג אלס פראטעסט

געגען אויספירן דעם טויט-אורטייל איבער די 3 פערמשפטע אראבער

ירושלים, 12 (י. ט. א. טעלעגראפיש) פון אראבישע קרייזן טיילט מען מיט, אז אויב ס'זאל זיך ארויסווייזן פאר אמת, אז דעם 17טן יולי וועט אויסגעפירט ווערן די עקזעקוציע איבער דריי צום טויט - פערמשפטע אראבער, וועלכע זענען בעשולדיגט געווארן — וועט דער דאזיקער טאג ערקלערט ווערן אלס טרויער פאר אלע אראבער.

ענגלישע רעגירונג איילט צו דעם בעריכט

פון דער אינטערנאציאנאלער כותל=מערבי קאמיסיע

פאריז, 12 (י. ט. א. טעלעגראפיש) די פראנצויזישע פרעסע טיילט מיט, אז די ענגלישע רעגירונג האט זיך געווענדעט צו די מיטגלידער פון דער אינטערנאציאנאלער כותל - מערבי - קאמיסיע, אז זיי זאלן זייער ארבייט ענדיגן ביז חודש אויגוסט, כדי דער בעריכט זאל קענען פארעפנטלעכט ווערן אויף דער סעפטעמבער - סעסיע פון פעלקער ליגע-ראט.

2 יודישע וועכטער פערמשפט אויף טורמע

פאר פערטיידיגען זיך פון אראבישען אנפאל

ירושלים, י. ט. א. טעלעגראפיש) נעכטען איז אין חיפה פארגעקומען דער פראצעס געגען 2 יודישע וועכטער פון דער יודישער קאלאניע „ארנוה העיבערט סעמיועל" — ראבאר און שפילנער. זיי זענען בעשולדיגט געווארן אין שיסען אויף אראבער וועלכע האבען זיך געפינען אין דער קאלאניע קורץ נאך די אויגוסט - געשעהענישען.

די בעשולדיגטע האבען געטענהט, אז זיי האבען זיך פערטיידיגט בעגען א געפלאנטען אנפאל מצד די אראבער. דאס געריכט האט זיי פעראורטיילט אויף 8 חדשים תפיסה, וועלכע קען פערביטען ווערען מיט 40 פונט שטראף.

אויך די דרוקעריי פון „דואר היום" אויפגעהערט צו זיין טעטיג

ירושלים, 12 (י. ט. א. טעלעגראפיש) די ארויסגעבער פון „דואר היום" האבען נישט ערלויבט נעכטען צו ערשיינען די צייטונג, מורא האבענדיג, אז די מאכט זאל אנגאנצען נישט שליסען די דרוקעריי. עס בעקאנט איז נאכן שליסען פון „דאר-היום" ארויסגעגעבן געווארן יעדען טאג אן אנדער אויסגאבע.

3 יודן קאמוניסטען פערמשפט צום טויט

אין לעמבערג

לעמבערג, 11 נעכטען האט זיך דא אנגעהויבען פארן געריכט פון געשווארענע דער פראצעס פון אינזשעניער כהנא, ישראל הירש, שמואל יגענד און סטודענט פון פאליטעכניקום, נפתלי פאפער, וועלכע זענען בעשולדיגט אין קאמוניסטישער טעטיגקייט. ביי כהנא'ן איז דער ווארשעווער פאליציי דעם 4-טען מערץ געפונען א דרוקעריי פון קאמוניסטישע אויפרופען און פלוגבלעטער, הירש האט זיך פערענטפערט מיט דעם דרוקעריי, די אנבעטרעפע צוויי — מיט'ן פערשפרייטען. די בעשולדיגטע האבען זיך נישט מודה געווען.

היינט איז ארויסגעטראגען געווארן דער אורטייל. לויט'ן ווערדיקט פון די געשווארענע זענען די אנגעקלאגטע הירש, יוגענד און פאפער אלס שולדיג אין הויך - פערראט פערמשפט געווארן צום טויט. אינזש. כהנא איז פריי געשפראכען. — די פערטיידיגער גייבען אן א קאסאציע.

שוידערליכער טאט פון אלעה„ערין

וואס האט געקאסט דאס לעבען פון א יונגע שילערין

ווארשא, 12 (טעלעפאניש פון אונזער קארעספאנדענט) א לעהרערין פון א פאווישעכנער שולע אויף גענשא האט בעשטראפט א יודישע אכט-יעהריגע שילערין און האט זי פערהאלטען שבת איבערגעלאזט אין שולע אויף א האלבע שעה אין א פינסטערען קאמער. אוועקגעהענדיג האט די לעהרערין פערגעסען דער דינערין אז זי זאל שפעטער די שילערין בעפרייען.

די דינערין האט דערוויל אנגאנצען פערגעסען וועגען דער שילערין און איז אוועקגעגאנגען. זונטאג אוי מאנטאג איז געווען חגא און די שילערין, וועגען וועלכער מ'האט אנגאנצען פערגעסען איז די גאנצע צייט פערבליבען אין דער פינסטערער קאמער.

דינסטאג' ווען מ'האט זיך דערמאנט וועגען דער שילערין, האט מען זי געפונען א פערחלשטע.

דאס קינד האט בעקומען א מוח-ערשיטערונג. היינט איז דאס קינד געשטארבען.

די קאטאסטראפע מיט'ן נאפט-שיף

לאנדאן, 12 (אטע) די אויספארשונג וועגען דער שיפס - קאטאסטראפע נעבען באסטאן, בעת וועלכער ס'זענען דערטרונקען געווען 60 פאסאזשירען האט ארויסגעוויזען א שרעקליכע נאכלעסיגקייט פון קאפיטאן פון דער שיף „פערפעקס", וועלכער האט נישט געבראכט אין בעוועגונג די ראדיא - סטאציע און צוליב דעם האבען די שיפען, וועלכע האבען זיך געפונען נאהענט פון דער קאטאסטראפע, נישט געקענט קומען צו הילף.

באסטאן, 12 (ספ. טעל.) די צאהל קרבנות פון דער קאטאסטראפע ביים צוזאמענשטויס פון פאסאזשיר - שיף „פערפאקס" מיט דער דאמפער וואס האט געפירט נאפט „פינטעס" בעטרעפט 46 פערזאן. פון די כוואליעס האט מען ביז איצט ארויסגעטשעפעט דריי צעהן טויטע קערפערס. די מאנשאפט פון פינטעס אין בעשטאנען פון 18 פערזאן האט זיך גערעטעוועט בלויז איין באצמאן.

סער סימפסאן בעזוכט די קאלאניעס אין עמק

ירושלים, 12 (י. ט. א. טעלעגראפיש)" אין בעגלייטונג פון ד"ר רופין האט סימפסאן בעזוכט די יודישע קאלאניעס אין עמק, סימפסאן האט זיך בעקענט מיט דער ווירטשאפט פון נהלל. כפר יחזקאל און אנדערע קאלאניעס.

רומענישער קעניג קארל קומט קיין פוילען

קעניג קארל — קאנטרא פאשיזם

ווארשא, 12 (טעלעפאניש פון אונזער קארעספאנדענט) קעניג קארל פון רומעניען גרייט זיך צו מאכען בעזוכען אין די בעפריינדעטע מלוכות — יוגאסלאוויען און אין פוילען. ס'איז נאך נישט פעסטגעשטעלט, ווען ער וועט קומען קיין פוילען. מ'גיט אבער איבער וועט ער זיכער קומען קיין פוילען, כדי זיך צאטרעפען מיט מארשאל פילסודסקי.

בוקארעשט, 12 (ספ. טעל.) מאניו האט זיך אפגעזאגט אנצונעהמען די מיסיע פון שאפען דעם רומענישען קאבינעט, מאניו האט פארגעלעגט, אז די מיסיע זאל איבערגעגעבען ווערען א פארשטעהער פון דער נאציאנאלער ריכטונג אדער דעם גענעראל פרעזאנו. מאניו האט פערזיכערט, אז ער און זיין ריכטונג וועלען אונטערשטיצען יעדען קאנדידאט.

וויען, 12 (ספ. טעל.) „ארבייטער צייטונג" מעלדעט אויס בוקארעשט, אז די רומענישע סאציאליסטען האבען מסכים געווען אויף אויסרופען דעם קעניג קארל אלס קעניג, ווייל יעדע אנדערע אויסקלערונג פון דער לאגע וואלט איז זיך געהאט די געפאהר פון פאשיזם.

באקסען קאמף אויף וועלט מייסטערשאפט

100 טויזענד מאי האבען בייגעוואוינט דעם מעטש

ניו-יארק, 12 (ספ. טעל.) היינט אין איינ'ן געעפנטען ספארט - סטאדיאן אין ניו - יארק, וועלכער נעהמט אריין 100 טויזענד צושויער פארגעקומען דער באקסער - מעטש וועגען דער וועלט - מייסטערשאפט צווישען די באקסער פון שווערען געוויכט: דער דייטש שמעלינג און דער אמעריקאנער שערקי.

אלע בילעטען זענען אויספערקויפט געווארן דער קאמף איז פארגעקומען וועגען א בעלוינונג פון א האלבען מיליאן דאלאר. ס'זענען פארגעקומען געוועטען אויף מיליאנען דאלארען.

בעסעדאווסקי'ס נאכפאלגער קרוקאוו

געשטעלט דירכ'ן סאוויעטישען געריכט אויסערן רעכט

פאריז, 12 (אטע) פון מאסקווא מעלדעט מען, אז דאס העכסטע געריכט האט ארויסגעטראגען אן אורטייל אין פראצעס פון דעם בעאמטען פון דער סאוויעטישער האנדעלס - מיסיע אין פאריז קרוקאוו, וועלכער האט זיך אפגעזאגט צוריקצוקומען קיין מאסקווא און פערעפנטליכט רעוועלאציעס, וועלכע האבען קאמפראמיטירט די סאוויעטישע רעגירונג און די סאוויעטישע אמבאסאדע.

קרוקאוו איז אנערקענט געווארן פאר שולדיג אין מלוכה - פערראט און אין בעגעהן מיסברויכען צום שאדען פון סאוויעטישען מלוכה - אוצר, קרוקאוו איז געשטעלט געווארן אויסערן רעכט, זיין פערמעגען איז קאנפיסקירט געווארן.

אין קאטאוויץ פעהלט וואסער

קאטאוויץ, 12 (טעלעפאניש). צוליב די היצען וואס דויערן שוין עטליכע טעג האבען זיך אויסגעטריקנט די וואסערן פון וואסער. פון מיטוואך פריה פעהלט וואסער אין קאטאוויץ און אין ארומגעגנד. ביימער - כאר ביי דער גען. קולמער-ליגע".

ארבייט פון מאנדאט-קאמיסיע

גענף, 12 (יט"א טעלעגראפיש) נאכ'ן בעהאנדלען די אייגיסט-געשעהענישען אין א"י איז די מאנדאט-קאמיסיע צוגעטרעטען צו דער דיסקוסיע איבערן בעריכט פון דער מאנדאט-מאכט וועגען דער פערוואלטונג פון א"י אין יאהר 1929.

דער פארשטעהער פון גרויס-בריטאניען און גענעראל-סעקרעטאר פון דער א"י-רעגירונג ה' לוק און פארשטעהער פון קאלאניאל-אמט ה' קלאודען האבען געגעבען ערגענצונגס-ערקלערונגען איבער א ריי ארץ-ישראל-פראגען ווי וועגען יוסטיץ, בוי-ארבייט פון פארט אין חיפה, קאנצעסיע פון ים המלח, עקאנאמישע לאגע, בילדונג, פינאנצען א.ד.ג.

נאכדעם איז מען צוגעטרעטען צוצוגרייטען א בעריכט פון דער מאנדאט-קאמיסיע אויף פארצולעגען אויף דער סעסיע פון פעלקער-בונד-ראט.

מעמאריאל פון ועד הלאומי

גענף, 12 (יט"א טעלעגראפיש) די מאנדאט-קאמיסיע האט בעקומען פון דעם ועד הלאומי א מעמאריאל מיט דער בקשה צו בעטראכטען.

לוק אפגעפאהרען פון גענף

גענף, 12 (יט"א טעלעגראפיש) לוק און קלאודען זענען אפגעפאהרען פון גענף.

ביי דארם=טעטיגקייט

ליעפער און גאל-לידען, פעטזוכט און ניכט, מאגען און דארם-קאטאר, געשוואלעכץ פון דיק-דארם-חגר, ערקראנקונגען פון ענד-דרם בעוויזט דאס נאטירליכע בימער-וואסער FRANCISZKA JÓZEFA שטוהלגאנג אין די אונטערלייבס-ארגאנען שנעל און שמערצלאז.

לאנגיעהריגע קראנקען-הייזער-ערפאהרונגען לערנען אז דער נאטירליך פון בימער-וואסער Franciszka Józefa רעגולירט פארצוגליך. צו בעקומען אין אלע אפטייקען און סקלאד-אפטעקעס.

PORADNIA WENEROLOGICZNA

פון דאקטוירים=ספעציאליסטען

זאוואדזקא 1.

נאר פאר ווענערישע הויט=קראנקה. און מענער-שוואכע אנאליזען פון בלוט און אויספלוס אויף סיפיליס און טריפער. קאנסיליומס מיט ספעציאליסטען פון אורא-לאגישע און נערוועץ-קראנקהייטען. קווארץ=לאמפ. עלעקטרישער הייל=קאבינעט קאסמעטיק.

— — טעטיג פון 8 פריה ביז 9 אוונד. — — זון 11 ביז 12 ביי טאג און פון 2 ביז 3 נאכם. נעמט-אן א פרוי-דאקטאר נור קינדער און פרויען זונטאג פון 9 פריה ביז 2 נאכמיטאג.

— בעזונדער ווארטע-ציכער פאר פרויען. —

וויזיט 3 זל.

אונטער א שמירה פון ענטבלויזטע שווערדז

ראזירט א יודישער פריזירער בולאק=באלאכאוויטש'ן

„ווילנער פרעסע דערצעהלט:

זונטאג 5 א זייגער פארטאג, זענען צו דער פריזיר-אנשטאלט אויף בריסקער גאס פון ה' אריה גאנטספוס צוגעקומען 2 מיליטעריש-געקליידעטע לייט און אויפגעוועקט דעם פריזיר ה' גאנטספוס פוגשלאף, זיי האבען איהם אויפגעפאדערט, אז ער זאל נעהמען די פריזיר-מכשירים און געהען מיט זיי אין הויז פון קסיאנדז סענטיצקי, וואו ער וועט דארפען ראזירען א גענעראל. אויף דער פראגע פון דעם פריזיר, פארוואס אזוי פריה, האט מען איהם געענטפערט אויסמיידענדיג.

אריינגעהענדיג אין דעם אויבענדערמאהנטען הויז איז ער באלד בעוואכט געווארן דורך צוויי בעוואפענטע ציוויליסטען און מיליטערישע היטלען מיט ענטבלויזטע שווערדען. זיי האבען אויפגעפאדערט דעם פריזיר ער זאל זיך אויסטאן אלע זיינע קליידער. א דערשראקענער האט ער געמוזט דעם בעפעהל אויספאלגען. דאן האט מען די קליידער-טאשען אונטערזוכט, אויך איהם ארום זיין קערפער. ווען דער פריזיר האט צוריק אויפגענומען אויף זיך די מלבושים, איז ער געווארענט געווארן דורך איינעם פון דער וואך, אז באלד וועט ער ראזירען דעם גענעראל, זאל ער דעריבער זיין זעהר פארזיכטיג און ביי וואס פאר נישט איז צופאל וואס קען געשעהען וועט ער זיין פעראנטווארטליך. פון דעם צווייטען צימער האט זיך געהערט א קלונג אין דעם פריזיר אין דער בעגלייטונג פון דער וואך איז אריינגעפירט געווארען אין צימער. א צוטומעלטער דאס דער פריזירער דערוועהען פאר זיך נישט קיין אנדערען ווי דעם טרויעריג-בעריהמטען בולאק-באלאכאוויטש, וועלכער האט זיי דנגעווענדעט צום פריזירער ער זאל איהם אפראזירען. אונטער דער שמירה פון ענטבלויזטע שווערדען האט דער יודישער פריזירער מיט ציטערדיגע הענד אויסגעפירט זיין שווערער עטיקעל ארבייט. ווען ער האט פערלאזען די וואוינונג פון גענעראל האט ער לייכטער אפגעאטעמט, וואס די טרויעריגע קאמעדיע האט זיך געענדיגט פאר איהם בשלום.

אויף דעם צוזאמענפאהר פון די מיטגלידער פון „פעראיין פון די אנטיילנעהמערס אינ'ם פאלקס-אויפשטאנד אויף ווילין", וועלכער איז פארגעקומען זונטאג אין דעם „הויז פון פוילישע געזעלשאפט" אין קאזעל,

— בולאק-באלאכאוויטש האט אנטייל גענומען

דאס 7-קלאסיגע ארטאדאקסישע לעהר-אנשטאלט

„בית=תלמוד"

פון א. פאסטערנאק, לאדז, פעטריקאווער 18

(ווסכאדניא 41) טעלעפאן 16=157

מאכט בעקאנט, אז די איינשרייבונגען פון די תלמידים צום נייעם שול=יאהר 1930/31 ווערען אנגענומען טעגליך אין דער קאנצעלאריע פון 9 ביז 2 און פון 4 ביז 8 נאכם.

מיר האבען אויך דעם כבוד בעקאנטצומאכען, דאס אין אונזער מוסטערהאפטען

„גן=ילדים" פרעבעל=שולע

ווערט אנגענומען קינדער אין עלטער פון 5 יאהר אן.

בעמ.: די קינדער ווערען געבראכט און אהיימגעפיהרט דורך א ספעציעלען מענש

פאסיוויטעט
לגבי א לעבענס - פראגע

ס׳איז גענוג דורכצובלעטערן די יידישע פרעסע פאר די לעצטע עטליכע חדשים, כדי פאר אייך זאל זיך פונאנדערוויקלען א באמת טראגיש בילד פון יידישן עלענד און נויט אין פוילן, וואס איז אין א גרויסן טייל א פועל־יוצא פון דער ספעציפישער עקאנאמישער אויסנאהמס־לאגע, אין וועלכער די יידישע באפעלקערונג איז דארט געשטעלט געווארן, ס׳וואלט געוויס פאלש געווען צו באהויפטן, אז די ווירטשאפטס־סיסטעם די עטאטיזירונג־פאליטיק וואס ווערט דורכגעפיהרט אין פוילן, איז געווענדעט ספעציעל און אויסשליסליך געגען יידן, הגם מ׳קאן נישט פארלייקענען אז דער „יידישער מאמענט" „אזוי צו זאגן, שפילט דערביי זיכער נישט קיין קליינע ראלע, אבער אז מעהר פון אלעמען, אדער איינגענטליך, איבערהויפט איז פון אט דער סיסטעם, פון אט דער פאליטיק, געטראפן די יידישע באפעלקערונג, אז זי איז דערביי די הויפט־ליידנדע, אז איהרע עקאנאמישע פאזיציעס ווערן דורך דעם צום גרינדליכסטן אונטערגעשוועכט, — דערין באשטעהט קיין שום צווייפל נישט, ובכן, איז דען נישט קלאהר ווי דער טאג, אז איינע פון די צענטראלע און דרינגענדיגע אויפגאבן פון דער רעגירונג וואלט בעדארפט זיין ספעציעל זארגן זיך וועגן דעם גורל פון אט דער יידישער באפעלקערונג, וואס איהר ווירטשאפטליכע עקזיסטענץ ווערט דורך דער אלגעמיינער רעגירונגס־פאליטיק אונטערגעגראבן? אדער ריכטיגער געזאגט: האבן דען די ענטשפרעכענדע מאסנאהמען צו באשיצן די באטרעפענדיגע יידישע באפעלקערונג נישט בעדארפט בילדען אן ארגאנישן טייל גופא פון דער וועלכער אלגעמיינער ווירטשאפטס־פאליטיק? ווארים קיין ווירטשאפטס־פאליטיק פון א לאנד, ווי ראציאנעל, פראגרעסיוו און נויטווענדיג זי זאל פאר זיך נישט זיין, טאר נישט און קאן נישט געבויט ווערן אויף עקאנאמישן חורבן פון א גרויסן טייל באפעלקערונג פון זעלבען לאנד, דאס איז דער שלעכטסטער, דער געפעהרליכסטער צייכן פאר אזא פאליטיק, דאס נעמט אונטער איהר זכות־הקיום.

וואס־זשע זעהען מיר אין דער פוילישער ווירקליכקייט? לא די וואס עס ווערן נישט אונטערגענומען קיינע ספעציעלע מאסמיטלען כדי צו שאפן פארטיידיגונג־מעגליכקייטן פאר יענעם גרויסן טייל יידישע הענדלער און האנטווערקער, וואס ווערן דורך דער עטאטיזירונג ראציאנאליזירונג ארויסגעשלאסן פון ווירטשאפטס־פראצעס, און נישט נאר די האויגע אויסגעשלאסענע ווערן נישט צוגעלאזן צו די נייע עטאטיזירטע ווירטשאפטס־צווייגן, נאר נאך מעהר — די יידישע ארבייטער און אנגעשטעלטע ווערן ביים עטאטיסטישן גלגול פשוט דירעקט און סיסטעמאטיש ארויסגעשטויסן, בעזייטיגט פון די פלעצער, וואס זיי פארנעמען אין די ענטשפרעכענדיגע אונטערנעהמונגען, און פארביטן מיט אנדערע.

זעהר א טרויעריגע, און אין א געוויסן זין די סאמע טרויעריגסטע דערשיינונג איז, וואס א חוץ מלוכה און קאמונאלע אנשטאלטן, א חוץ דער פוילישער געזעלשאפט, וואס דערלאזט לחלוטין קיין שום דריסת־הרגל נישט פאר יידישע ארבייטער אין רייך פוילישע אונטערנעהמונגען — בעטייליגען זיך און שאפען דאס ראויגע סאציאלע נגע פאר׳ן יידישן ארבייטער אויך די יידישע אונטערנעהמער, יידישע פאבריקאנטן. ער היום ווערט אין א גרעסערער אדער א קלענערער מאס דורכגעפיהרט א באיקאט געגען יידישע ארבייטער גופא מצד פיל יידישע פאבריקאנטן, די זאך איז אלגעמיין בעקאנט, ס׳זאל זיך דארפען ספעציעל אפשטעלען דערויף.

וואס־זשע פארט ווערט אונטערגענומען מצד דעם פוילישן יידנטום, כדי צו ברעכן אט דעם איינווייניגסטן ווידערשטאנד, כדי אפצוגרויסן אט די געפעהרליכע שטערונג פונ׳ם וועג צו סאציאלער גלייכבערעכטיגונג?

אומזיסט וועט איהר זוכן אנ׳ענטפער אויף די אלע פראגעס, ווייל אייגענטליך ווערט פון פוילישן יידנטום קיין ארגאניזירטער, געשלאסענער ווירטשאפטליכער קאמף כמעט ווי גאר נישט געפיהרט. עס איז פשוט צו שטוינען ווי ווייט עס דערגעהט די אומבעדאכטקייט פון פוילישן יידנטום לגבי אט דער צענטראלער לעבענס־פראגע. עס איז גענוג אנצוווייזן אויף איין כאראקטעריסטישן פרט, וואס שפיגעלט אין זיך אפ אט די גאנצע הינטערשטעליגקייט, עס ווערן אפילו נישט אונטערגענומען קיין ערנסטע סיסטעמאטישע פארבערייטונג און אויספארשונגס־ארבייטען, כדי צו בעקומען די אומבעדינגטע נויטיגע גענויע סטאטיסטישע מאטעריאלן וועגן דער ווירקליכער ווירטשאפטליכער לאגע פון די פארשידענע שיכטן פון דער יידישער באפעלקערונג, און דאס איז דאך אין הייינטיגע צייטן די ערשטע, עלעמענטארסטע פאראויסזעצונג פאר יעדן ארגאניזירטן געזעלשאפטליכן קאמף, מ׳טאפט איינגענטליך אין דער פינסטער, אנשטאט אלזייטיגע סיסטעמאטיזירטע, גענויע און בעגרינדעטע ראטען, וואס זאלן שטעכן די אויגן, קומט מען על פי רוב אפ מיט השערות, שאצונגען אדער סברות, וואס זענען חלילה איבערצייגענד און אימפאנירען ... נישט.

א. ר.

דער פאליטישער מאמענט
ראמאנטיק, דינאסטישע אינטריגעס און פאליטיק
דער צוריקקעהר פון קעניג קארל פון רומעניען

דורך טעג לאנג ראפישע ידיעות האבען מיר שוין מיטגעטיילט, אז קיין רומעניען איז פלוצלונג צוריקגעקומען דער געוועזענער קרוינפרינץ קארל און איז דורך דער נאציאנאל־פארזאמלונג פראקלאמירט געווארען אלס קעניג פון רומעניען.

קעניג קארל איז געבוירען געווארען אין יאהר 1893, קיין גרויסע סימפאטיעס צום קעניגליכען לעבען, האט ער קיינמאל נישט געהאט, אלס טהראנפאלגער אין יאהר 1914 האט זיך קארל ווי מיר האבען שוין געשריבען פארליבט אין ארעם און דעם יידישע מיידעל זיזי צעצילא לאמברינא. קארל האט חתונה געהאט מיט זיין געליבטער און צום ערשטע מאל רעזיגנירט פון זיינע רעכט אלס טהראנפאלגער. זיין אמביציעזע מוטער מאריא, אן ענגלישע פרינצעסין, האט זיך אבער איינגעמישט און צו פועלן ביי איהר זוהן, אז ער זאל איבעררייסען מיט דער יידישקע לאמברינא און אונגילטיג מאכען די חתונה.

וועלענדיג אויסמיידען עהנליכע אוואנטורעס האט די קעניגין מאריא איהר זוהן קארל חתונה געמאכט אין יאהר 1921 מיט דער גריכישער פרינצעסין העלענא. פון דער דאזיגער חתונה איז געבוירען געווארען דער שפעטערדיגער יונגיטשקער קעניג מיכאל.

אזא שטיל לעבען האט אבער נישט געשמעקט דעם אוואנטוריסטישען קרוינפרינץ און ביי זיין ערשטען ארויספאהר קיין אויסלאנד צו דער לייה פון דער מוטער פון איצטיגען ענגלישען קעניג, האט זיך איבערגעחזר׳ט די ארעסער געשיכטע. פון לאנדאן איז דער קרוינפרינץ קארל ארויסגעפאהרען קיין איטאליען שוין נישט אליין, נאר אין דער געזעלשאפט פון מאדאם לופעסקו, וועלכע האט אויך געשטאמט פון יודען, אלס רעוואלטאט דערפון האט זיך קארל ווידער אפגעזאגט פון טראן און אפילו פון פרינצען־טיטול, אזא בריף האט קארל ארויסגעשיקט פון וועניעדיג אין דעצעמבער 1925. אמת, אז אין פעברואר 1926 האט קארל צוריקגעצויגן זיין רעזיגנאציע, אבער זיין קראנקער פאטער קעניג פערדינאנד האט דורך א דעקרעט פון 30. נאוועמבער 1926 בעשטעטיגט דעם אקט פון קארל׳ס אפזאגען זיך פון טראן, נאכ׳ן טויט פון קעניג פערדינאנד אין יאהר 1927 האט קארל פארעפענטליכט א בריף אין דער פאריזער פרעסע, אז „צו זיין רעזיגנאציע האט מען אנגעווענדעט פערזאנען און מיטלען, וועגען וועלכע ער וויל איצט נישט רעדען" און אז ער איז גרייט אין יעדען אויגענבליק איבערצונעמען דעם טראן און צוליב דעם, איז ער זיך פונאנדערגעגאנגען מיט מאדאם לופעסקו.

בעת דער קעניג פערדינאנד האט בעשטעטיגט דעם אקט פון קארל׳ס רעזיגנאציע איז ער געווען ערנסט קראנק און זיך נישט געקענט אקעגנשטעלען די אינטריגער פון דער מעכטיגער דינאסטיע „ברידער בראטיאנו", פון וועלכע דער עלטערער איז געווען לאנג־יעהריגער פרעמיער און אנפיהרער פון דער ליבעראלער פארטיי. טעראריזירענדיג דעם שטערבליך־קראנקען קעניג מיט דראהונגען, אז די דינאסטיע וועט אונטערגעהען, אויב קארל זאל זיך צוריקקעהרען אויפ׳ן טראן, האט א בראטיאנו ארויסגעפרעסט דאס אננעהמען פון קארל׳ס רעזיגנאציע. און נאכ׳ן טויט פון קעניג פערדינאנד האט ער אדורכגעפיהרט דעם גט פון קארל׳ען מיט זיין פרוי, דער גריכישער פרינצעסין און בעשטימט אלס נאכפאלגער פון פערדינאנד׳ען דעם יונגעטשקען מיכאיל.

די „דינאסטיע בראטיאנו" האט אבער געמאכט א זעהר גרויסען פעהלער וועלכער האט זיך שפעטער אויף איהר שטארק נוקם געווען, צום רעגענטען־ראט האט מען נעמליך נישט צוגעלאזען די אמביציעזע קעניגין — אלמנה מאריא, בעשטמונגיג אין רעגענטען־ראט איהר יונגערען זוהן, קארל׳ס ברודער, פרינץ מיכאל. די קעניגין מאריא וועלכע האט אין אנהויב געהאלפען בראטיאנו צו רעאליזירען זיין פלאן, ווייל זי האט גערעכענט אז אין נאמען פון איהר מינדעריעהריגע איינקעל וועט זי רעגירען, איז ענטוישט געווארען, איז א בערגעגאנגען און פיינדליכען לאגער און אנגעהויבען פאראליזירען די פלענער פון דער „דינאסטיע בראטיאנו". דאס האט אויסגענוצט די נאציאנאל־פויערישע אפאזיציע מיט ד״ר מאניו בראש, וועלכע האט קיינמאל נישט פארהוילען זיינע סימפאטיעס צו קעניג קארל — און האט איבערגענומען דעם רודער פון דער רעגירונג אין זיינע הענד.

וועגן נישט דער קאמף פון די אמביציעס צווישען די בראטיאנוס און די קעניגין מאריא, ווער ווייס, צי דער פרינץ קארל וואלט געהאט א געלעגענהייט צוריקצוקומען אויפ׳ן טראן.

די נאציאנאל־פויערישע פארטיי האט נישט ערפילט אלע הבטחות וואס זי האט געגעבען דעם מאסען. אמת, זי האט פיל געטון אבער זי האט נישט געוואגט געגוג מוט ארויסצוטרעטען מיט א פרינציפיעלען פראיעקט פון רעפארמירען דאס לאנד. די פויערים־מאסען וועלכע האבען גערעכנט אויף אנ׳אגראר־רעפארם האבען גארנישט בעקומען און די אונצופרידענהייט פון לאנד איז כסדר געוואקסען. די ליבעראלען האבען דאס אויסגענוצט און ווינטיל בראטיאנו א ברודער פון יאנ׳ען וועלכער איז געשטארבען מיט עטליכע יאהר צוריק, האט צוגעגרייט א גענעראל־אנגריף אויף די פאזיציעס פון דער פויערים־פארטיי.

דאס וואלט זיך זיכער איינגעגעבען, ווען קארל גניוו וואלט זיך נישט געכאפט און אויף דער שנעל צוגעגרייט די גאנצע איבערראשונג פון קארל׳ס צוריקקומען קיין רומעניען, ס׳איז צו זעהן אז דאס צוריקקומען איז געווען צוגעגרייט דורך דער רעגירונג און האט געהאט די אונטערשטיצונג פון מיניסטער. קארל איז דורך דער נאציאנאל־פארזאמלונג כמעט איינשטימיג (נעגען איז געווען 1 שטימע) בעשטימט געווארען אלס קעניג, אפגעגעבען האבען נאר די ליבעראלען, וועלכע זענען צו דער נאציאנאלער פארזאמלונג, אנגעבליך נישט געקומען.

די ליבעראלען וועלען אבער מוזען מסכים זיין מיט דער געשאפענער זאכלאגע, ווייל א זוהן פון פערשטארבענעם אויל — געארג בראטיאנו האט גם שפאלטען די פארטיי און אנערקענט קארל׳ן.

וואס פאר א פאלגען האט צוריקקעהרען פון קארל׳ען וועט האבען אויף דער אויסלענדישער פאליטיק וועט בעווייזען די נאהענטע צוקונפט, ס׳איז א פאקט, אז די פראנקאפילישע ליבעראלען האבען געליטען א מפלה און אויפ׳ן טראן זיצט א קעניג וועלכער האט דייטליכע סימפאטיעס צו מוסאליניען. ס׳איז מעגליך, אז רומעניען וועט צוטרעטען צום בלאק, וועלכען מוסאליני שאפט געגען פראנקרייך, דערווייל האבען זיך פארשפרייט פאנטאסטישע קלאנגען וועגן א פאראייניגונג פון רומעניען מיט איהר שונא אונגארן, אין איין מלוכה. דאס אלץ וועט אבער קלאהר ווערען ווען קארל וועט זיך בעקענען פערזענליך אויפ׳ן ערובערטען טראן.

פ. ב׳

די באלאדע פון דעם צילינדער און דעם הויקער
פון י. מאנגער

אונטער דעם נאמען „די באלאדע פון דעם צילינדער" און דעם הויקער" האט דער בעקאנטער יידישער דיכטער איציק מאנגער פארעפענטליכט איינע פון זיינע בלעטלעך „געציילטע ווערטער" דעם פאלגענדען ארטיקעל, אין וועלכען ער בעריהרט איינע פון די אקטועלסטע און אנגעווייטאגסטע פראגען פון אונזער נאציאנאל־געזעלשאפטליכע לעבען: די פראגע וועגן דער שפראך אסימילאציע, וואס כאפט ארום ברייטע שיכטען פון דער יידישער באפעלקערונג.

עפיזאד נומער 1: אין צוג איבער גאליציע. נאך שמעה ביים פענסטער מיט אפענע אויגען. דאס לאנד וואו די השכלה האט געבליהט. די היים פון גרעסטען יידישן מתבאדר — וועלוועל זבאראזשער, די היים פון יידישן טעאטער — אוואנגארד — די בראדער זינגער. די היים פון די בעדייטענדיגע יידישע, ליטעראטור־עקספאנענטען ביי היינטיגע טאג; משה נאדיר, משה לייב האלפערין, מ. ראווידוש ש. י. אימבער, א״ולאנד, קעניגסבערג, א. מ. פוקס, עט צעטערא עט צעטערא).

אקעגען מיר — א דייטש מיט א צילינדער. ס׳רעדט זיך נאר — א דייטש. א „נאציאנאלער יודע" פאר עקסעלאנס. ער דעקלאמירט אויף איבערוועגיג „פאן מאדעאזש" פון מיצקעוויטש׳ן פון דער גרויסער ליטעראטור קאן ער אויסגעצייכנט מאקס בראד, — אז איהר פרעגט איהם וועגן שלום עליכם׳ן, ענטפערט ער לאקאניש: „אומבעקאנט".

עפיזאד נומער 2: א שנײדערל, א הויקער, אויף נאוואליפיע־גאס ראג סמאטשע — וואס בוכשטאבירט יעדען אויפדערנאכט די נייעס פון ראדיא מאר׳ן וו״ב און... זיין קינד קאן קיין יידיש נישט.

מילא— דער צילינדער ווי דער צילינדער. ער האט זיך בעקוועהם אוועקגעזעצט פון דער יידיש־פאריפעריע, קוקט מיט במול אויפ׳ן זשארגאן, לעזט מיט התמדה דעם „גאש פשעגלאנד" און דעם „נאוי דזשענניק", קוקט מיט בעגייסטערטע אויגען אויף טוזימע, דעם עקספאנענט פונ׳ם יידישען עספרי, און בעקוקט מילכיג סענטימענטאלע אויגען ביים קלאנג פון העברעאיש און אליין שטופט ער דאס „פאן־טאדעאוש־ווע־געלע פון אסימילאציע ווייטער.

אבער דאס שנײדערל, דער הויקער פון נאוואליפיע ראג סמאטשע, דאס שנײדערל אויף וועלכען די חסידישע לעגענדע האט אמאל געווארפען דעם סימפאטישען ארעאל פון א למד ואווניק — ווערט אין דעם מאמענט גראטעסק, טראגיש און סימבאליש.

און ס׳גיהט ארום דאס אסימילאציע־הויקערל אין די יידישע קווארטאלען און מאכט חרבונות, וואו די זאלסט נישט הינדרען דעם בליק וועסטו עס בעגעגענען, — אפילו... אפילו... אין דער היים פון די פראפעסיאנעלע יידישיסטען, אפילו... אפילו... אין דער היים פונ׳ם יידישען שרייבער פון פוילען גופא.

די היים, אויף וועלכער ס׳איז געפאלען דער גורל פונ׳ם שטארקסטען ווידערשטאנד געגען די אסימילאציע־כוואליעס, וואס קומען פון דער פערפוילישטער גאס, פון דער פערפוילישטער שול, — די היים שטעהט מיט אראפגעלאזטע הענד מיט פאטאליסטיש ארויסגלאצטע אויגען בעטראכטענדיג די דעם אסימילאציע־פראצעס, וואס גראבט אונטער דעם נאציאנאל־קולטורעלען קיום פון א גרויסען יידישען צענטער.

איך האב געזעהן יוו״א־פוי״נר, יוו״א־וואמלער אין וולאצלאוועק וואס זענען פון קאפ ביז די פוס בעקלעבט מיט יידיש לאזונגען, מיט יידישיסטישע פרינציפען און... ז״ער קינדער קאנען קיין יידיש נישט.

איך האב געזעהן א באדייטענדיגען יידישען דיכטער און מעטאראל אין לאדז, וואס האט פערוואנדעלט די יידישע שפראך אין א מוזיק־אינסטרומענט, — און קיין איין קלאנג פון די פראווענ אינסטרומענט איז נישט דערגאנגען צו זיין קינד, כדי איז אהם אויפצורעקן: דאס אזוי אפט פראקלאמירטע „לשון יודיש".

איך האב געזעהן די היים פון א יידישע קריטיקער אין פשעמישל, די היים פון א יידישען קריטיקער אין ווארשא די היימען פון א סך יידישע שרייבער, כלל־טוער און זשורנאליסטען אין פוילען (נעמען זענען נישט וויכטיג — ס׳זענען נישט קיין איינצעל־פאלען). ס׳איז א פסיכאז וואס האט ארומגעכאפט די סמאטשע גאס. איינא״נעם מיט יידישען שרייבער גופא.

די טראגעדיע פון געטעס הויז איז געווען דאס שווערע געפיהל פון א זהן וואס האט נישט געקאנט פערענטפערן דעם גרויסען נאמען, וואס איז געלעגען ווי א משא אויף זיינע פלייצעס.

די טראגעדיע פון פרצ׳ס שטוב, איז געווען די פרעמדקייט, וואס פרץ אליין האט געכאפט צווישען זיך און זיין זוהן און וואס איז דערגאנגען ביז צום שמד פון זיין איינינקעל.

„די לוציאנאדע" האט זיך נישט אפגעשטעלט, — זי שפינט ווייטער איהרע פעדעם. אין דער היים פון כמעט א יעדען יידישען שרייבער איז פערווארפען דער יאמען. דאס אסימילאציע־הויקערל שטייט אויף דער שוועל און מאכט זיינע גראטעסק־טראגישע רעווערענסן.

די יידיש־טראנספאראנטען, וואס דער יידישער שרייבער פלל־טוער און פובליציסט העגגט אויף ביי אלע פייערליכע געלעגענהייטען אויף די טעלעגראף־סלופעס, זענען אנגעסיפלט מיט ווינט און פאטאס.

דער שאטען פון יהודה אי״ש קרית מיט דער שווארצער קרוין איפ׳ן קאפ, האט אונזערע מ״ש. און ס׳איז נאך קיינער נישט איינגעפאלען מיט בייזע פויסטען צו געבען א זעץ אין זיין בייזען געוויסען וואס פערכאט סיסטעמאטיש די יידישע פאלקס־שפראך, די יידישע פאלקס־קולטור, און במילא דאס פאלק גופא, און וועמענס נאמען מ׳רעדט אין אנטירים.

דער צילינדער, פראשע פאנא, [illegible] התקוה, און דאס הויקערל, מאכט פראשע, פאנא [illegible] זיינע רעווערענסען.

די פראטעסט-בעוועגונג

געגען דער אימיגראציע-גזירה אין ארץ-ישראל

די ציוניסטען האבען אלס תשובה אויף דעם אימיגראציע-פערבאט אויפגעוויזען א גרויסע פראטעסט-אקציע אינערליך און אויסערליך. און דער פראטעסט-אקציע האבען זיך אנגעשלאסען אויך אלע אנדערע גרופען און נישט פאליטישע מאסען. די אקציע איז ווירקליך געווארען אן אלגעמיינע, אימפאזאנטע און האט געמאכט א"ן אייגדרוק סיי אויף די פיהרער פון דער ציוניסטישער פאליטיק און סיי אויף דער יודישער אגענץ, וועלכע איז די אפיציעלע יודישע קערפערשאפט, מיט וועלכער די ענגלישע רעגירונג קומט אין בערירונג.

צוליב דער אינטערנאציאנאלער לאגע פון די יודען איז די אקציע געווארען אינטערנאציאנאל און אויב ענגלאנד האט ביים געבען די פאלפא-דעקלאראציע גענומען אין אויסזיכט די יודישע איינפלוסען מוז זי זיך איצט רעכענען או די דאזיגע איינפלוסען, וועלכע האבען געקענט זיין גינסטיג פאר איהר קענען אפגעשוואכט ווערען אדער אינגאנצען גאר פערלוירען פאר איהר. די אקציע האט זיך אויך אריבערגעטראגען אויפ'ן אינטערנאציאנאלען באדען, אויפ'ן פארום פון פעלקער-בונד, און ווי ס'האט זיך ארויסגעוויזען, האבען דארט די יודען פיל גוטע פריינד, וואס שטיצען זייער זאך און זייער שטאנדפונקט. אין דער ציוניסטישער בעוועגונג גופא האט די גזירה שיער נישט דערפיהרט צו א קריזיס, און ס'איז נאך פריה צו זאגען צו וואס עס קען קען דארט קומען.

כלפי חוץ איז די ציוניסטישע עפענטליכקייט איינינג אין איהר שארפען פראטעסט לגבי ענגלאנד, און דער פראטעסט איז אזוי שטארק, או ענגלאנד האט איהם דערפיהלט און דער וויצע-קאלאניען מיניסטער ד"ר שילס האט אויף דער זיצונג פון דער מאנדאט-קאמיסיע אין זשענעוו געפרובט צו בערוהיגען די יודישע עפענטליכע מיינונג, די רעגירונג האט געפרובט ווירקען אויף דעם פרעזידענט פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע, אז ער זאל בערוהיגען די יודישע עפענטליכע מיינונג, אבער דאס מאל האט זיך פראפ. וויצמאן דערפון אפגעזאגט. ער האט שוין פערלוירען דעם צוטרוי צו דער פאליטיק פון ענגלאנד, וואס לאזט זיך אויס מיט גארנישט און מיט נייע קירצונגען פון די פריהערדיגע צוזאגען. ער, דער מעסיגסטער ציוניסט און דער טרייעסטער אנהענגער פון דער קאאפעראציע מיט ענגלאנד, האט זיך א וואקעל געטון אין זיין טיפען גלויבען. אין די ציוניסטישע קרייזען האט מען אפילו אין אנהויב גערעדט או וויצמאן זאל זיך אנגעבען אין דימיסיע אלס פרעזידענט און ערמיט אונטערשטרייכען דעם פראטעסט פון דער גאנצער בעוועגונג.

אין די ציוניסטישע קרייזען ווערט ארויסגעזאגט די פאדערונג צונויפצורופען א ציוניסטישען קאנגרעס. א טייל פערלאנגט אן אויסערארדענטליכען אן אנדערער טייל — א געוועהנליכען. ביי אן אויסערארדענטליכען קאנגרעס דארפען נישט ווארטען מען קיין וואהלען און ס'קומען זיך צונויף די דעלעגאטען פון פריהערדיגען קאנגרעס. די פאזיציאנעלע גרופען, וואס זייער איינפלוס איז שטארק אויסגעוואקסען, פערלאנגען דורכאויס א נארמאלען קאנגרעס און ווייזען אנ או ביי די וואהלען צום קאנגרעס וועלען קומען שארפער צום אויסדרוק אויך פאר דער אויסערליכער וועלט די נייע שטימונגען אין דער יודישער און ציוניסטישער עפענטליכקייט.

לויט דער קאנסטיטוציע פון דער יודישער אגענץ דארף צוזאמען מיט'ן קאנגרעס זיך אויך צונויפקומען דער ראט פון דער אגענץ. דער דאזיגער קאנגרעס דארף נישט פערטיפען דעם קריזיס אין דער ציוניסטישער ליטונג, נאר בעזייטיגען דעם קריזיס אין דער ציוניסטישער בעוועגונג. אגב דארף עס אויך זיין א דעמאנסטראציע פאר דעם ווי ערנסט די בעוועגונג פאסט אויף דעם איצטיגען מאמענט, וואס קיין עהנליכער איז נאך נישט געווען זייט די דרייסיג יאהר פון דער מאדערנער ציוניסטישער ארגאניזאציע.

דערווייל ווערען געפיהרט אונטערהאנדלונגען צווישען דער ציוניסטישער ארגאניזאציע מיט דער ענגלישער רעגירונג און כדי צו בעקרעפטיגען די יודישע שטעלונג ווערען נאך איינגעארדנעט אימפאזאנטע דעמאנסטראציעס און פראטעסטען געגען דעם אימיגראציע-פערבאט.

דאס א"י-יודענטום וועמען די פעראהרנונג טרעפט דירעקט האט זעהר שארף און איינהייטליך רעאגירט אויף דער גזירה. דער פראטעסט שטרייק איז געווען אימפאזאנט און האט דעמאנסטרירט אז די 180 טויזענד יודען שפילען א זעהר גרויסע ראל אין דעםווירטשאפטליכען לעבען פון לאנד.

צווישען דעם א"י-יודענטום האט זיך לעצטענס אין גלייכגעוויכט צו קעמפענדע און אקטיוויסטישע רעוויזיאניסטען אויס. עבילדעט א גרופע פון מעסיגע „ברית שלום“ וועלכע זאגען גרייט אויף ווייטגעהענ־סטע הנחות בנוגע די אראבער. די דאזיגע בירגערליכע אסימילאטארען און פאליטיקער וועלען נאטירליך די פראגע פון יודיש-אראבישען צוזאמענלעבען נישט לעזען.

אויף דעם פערבאט פון איינוואנדערונג קיין א"י האבען אויך רעאגירט די יודישע ארבייטער אין און חוץ א"י. די רעכטע ארבייטער-גרופירונגען גערען אין זייערע שריט צוזאמען א ער פאראלעל מיט דער אלגעמיינער ציוניסטישער ארגאניזאציע. די לינקע זענען געבליבען טריי זייערע פרינציפען, אין א"י א"ריענטירען זיי זיך אויף דער מיטא ביים מיט די אראבישע ארבייטער. איצט האבען זיי דארט פערווירקליכט די שאפונג פון א נייער יודיש-אראבישער אר־גאניזאציע. די א"י-רעגירונג וועלכע איז זעהר גינסטיג צו די פערלאנגען פון די עפענדים, האט לויט די לעצטע ידיעות די דאזיגע ארגאניזאציע גלייך לעגאליזירט. און חוץ לארץ האבען די רעכטע אר־בייטער-גרופירונגען געפיהרט זייער פראטעסט-אקציע צוזאמען מיט דער אלגעמיינער ציוניסטישער אר־גאניזאציע, און געפרובט ווירקען פון אויסען דורך די פיהרער פון דער לייבאר-פארטיי אויף דער לייבאר-רעגירונג אין ענגלאנד. די לינקע פועלי ציון האבען אין פוילען ארגאניזירט דעם ערשטען ארבייטער-קאנגרעס פאר פאלעסטינא. דער קאנגרעס, וועלכער איז פארגעקומען אין זאל פון ווארשאווער שטאט-ראט האט מיט זיין פערנעם ווייט איבערגע־שטיגען זייערע ערווארטונגען: 38.500 דעקלאראנ־טען האבען געשיקט איבער 700 דעלעגאטען און א פאר הונדערט געסט פון דער פראווינץ. דער קאנגרעס וועלכער האט זיך געשטעלט פאר א ציל צו ארגא־ניזירען די ארבייטער-פריינד פון א"י אין ארבייטער אונטער'ן האלבען צייכען און זיך פארגענומען צו שטיצען דעם אויסבוי פון דער יודישער אר־בייטערשאפט, אין א"י און די נייע יודיש-אראבישע ארגאניזאציע „ארבייט און סאלידאריטעט“.

וועגען די אויסזיכטען פון דער פראטעסט-בעוועגונג איז שווער צו זאגען נביאות. פאר דער ארבייטער-רעגירונג, ווי פאר יעדער אנדער רעגי־רונג אין ענגלאנד, גילט קודם כל דער כלל: די מלוכה-אינטערעסען פון ענגלאנד זענען דער ער־שטער געבאט. און אין ענגלישען אינטערעס ליגט איצט נישט איבערצורייסען מיט די אראבער, כדי אבער נישט אינגאנצען נישט איבערצורייסען מיט די יודען, וועט מען מסתם פאר זיי מאכען איינינע „קאנצעסיעס“. מ'וועט צוריקגעבען עפעס פון דעם, וואס מ'האט אפגענומען, און ווייטער פיהרען די פאליטיק פון „צעטייל און בעהערש“.

י. ה.

Dr. med. **J. Lubicz**

ORTOPEDA, Gdańska 28, tel. 18-31

קראנקהייטען פון די ביינער, געלענקען, פערקרימונגען פון די פלייצעס און גלידער

איינענע פ-אצאוניע פון זעמטליכע ארטאפעדישע אפאראטען, ווי: קלטרקעס אויף פלאטפוסען, קונסטליכע בערטעלעכען א. א. וו. – נעמט אן פון 2.30 ביז 4.30 נאכם

אין פרעכטיגע וואסער-פאלאצן

ווי אזוי די רייכע אמעריקאנער פאהרען קיין איראפע

ס'האט זיך שוין אנגעהויבען דער טוריסטען-סעזאן, און צוזאמען דערמיט — דער געיעג פון די שיף-געזעלשאפטען, וואס בעסער צו בעפרידיגען די וואונשען פון זייערע פאסאזשירען. נאטירליך רעדט זיך דא נישט וועגען די פאסאזשירען-עמיגראנטען, נאר וועגען די רייכע, הויפטזעכליך אמעריקאנער איינוואוינער, וועלכע מאכען איצט זייערע לוסט-רייזעס איבער דער וועלט.

די הויפט-זאך מיט וועלכע א'ין שיף בעמיהט זיך איבערצושטיגען די צווייטע איז שנעלקייט. מען האט נאך נישט אויפגעהערט צו בעוואונדערען די שנעלקייט מיט וועלכע די דייטשע שיף „ברעמען“ איז געשוואומען פון איראפא קיין אמעריקא, און שוין איז די דאזיגע שנעלקייט איבערגעשטיגען געווארען דורך א צווייטער דייטשער שיף „איראפא“, זי האט די וועלפע רייזע געמאכט מיט 18 מינוט שנעלער, נעמליך אין משך פון 4 טעג 17 שעה און 4 מינוט.

דער רעקארד פון די דייטשען האט ארויסגע־רופען ממש א בהלה צווישען די שיף-געזעלשאפטען און די איבעריגע לענדער. אין אמעריקא ענגלאנד, פראנקרייך און איטאליען בויט מען איצט פיבער-האפט שיפען, וועלכע זאלען מיט זייער שנעלקייט איבערשטייגען אפילו „איראפא“ דערפאר בעמיהט זיך יעדע געזעלשאפט אז איהר שיף זאל שלאגען רעקארד אפילו צווישען די נייע עקספרעס-שיפען.

די שנעלקייט איז אבער נישט די איינציגע זאך מיט וועלכער די שיפען בעמיהען זיך צוצוציהען פאסאזשירען. זיי זארגען נאטירליך אויך פאר דער בעקוועמליכקייט און אפילו פאר ספעציעלע פערגעניגענס און פערגווילונגען.

די טוריסטען-שיפען זענען היינט-צו-טאג פאקטיש פרעכטיגע וואסער-פאלאצן, וואס געפינט איהר נישט אויף א מאדערנעם שיף! נאכט-קלובען, און קאבארעטען, וואס האבען זיך נישט וואס צו שעמען לגבי די נאכט-קלובען פון א פאריז אדער ניו-יארק. פרעכטיגע רעסטאראנען פערוויילען דעם עולם מאקע ביז טאג. אריין, די דאזיגע לעבקינדער האבען א.ב איינגעפיהרט אויף די לוקסוס-שיפען א מנהג צו שלאפען ביי טאג און צו וואכען ביינאכט.

פאר מעהר „בעשיידענע“ פאסאזשירען זענען אויסגעבויט פרעכטיגע קינאס מיט קלאנג-פילמען, קאנצערטען א.א.וו. עס ווערען מיטגעפיהרט גאנצע טרופעס, בערימטע זינגער, טענצער וכדומה.

יעדע נאכט קומען אויפ'ן שיף פאר טאנץ-פער־ווילונגען און מאסקאראדען. בעזונדערס פרעהליך איז אין דער לעצטער נאכט, איידער די שיף קומט אריין אין האפען, דעמאלט הוליעט דער גאנצער עולם לוסטיגער טאקע א גאנצע נאכט.

די דריטע זאך, מיט וועלכע מען נעהמט דעם רייכען פאסאזשיר איז די — אכילה. די בעסטע קע־כערס בעמיהען זיך צוצופאסען צו די פערשידענסטע קאפריזען פון די רייזענדע. ס'ווערט דערפאר געגעבען מען אין אכט דער ספעציפישער געשמאק פון די פאסאזשירען פון פערשידענע לענדער, אין דער קיך אויף דער שיף איז פערהאן כמעט ווי אן אויסשטעלונג פון די „נאציאנאלע“ מאכלים פון גאר דער וועלט.

אבער אמעריקאנער זענען אויך ספארט-לייט און א ארט-שפילער, און נישט יעדער פון ... אפזאגען פון די דאזיגע פערגעניגענס, אפילו, בעת ער פאהרט אויפ'ן ים. האבען די שיפען ספעציעלע גימנאסטישע זאלען, שווים-באסיינען, טעניס-פלע־צער א.א.וו. אפילו פערד-געיעגען ווערען איינגעאר־דענט אויף די שיפען. די פערדלעך זענען טאקע בלע־כענע, אבער דאס שטערט נישט די פאסאזשירען זיך צו געוועטען און צו געווינען אדער פערלירען בע־דייטענדע סומען.

אויף א רייהע שיפען זענען אויך איינגעארדענט בערזען-אונטערנעמונגען, וואס האנדלען מיט אק־ציעס, האבען געעפענט אויף די שיפען זייערע אפטיי־לונגען וועלכע ווערען כסדר אינפארמירט דורך'ן ראדיא-טעלעגראף וועגען קורס פון די אקציעס. דער קורס ווערט רעגולער פערעפענטליכט און דער ביזנעס-פאסאזשיר קען טעלעפאניש איבער טעלעגרא־פיש איינקויפען זיך אקציעס. מיפיל ער וויל, פער־בינדעט געשעפטס-לייט קענען אזוי ארום ווייטער פיהרען זייערע געשעפטען אויך אויפ'ן ים.

פון פערעפענטליכען די קורסען פון אקציעס איז שוין נישט ווייט ביז צום דרוקען צייטונגען, דא־פען טאקע די גרעסערע שיפען גאנץ גוט איינגעאר־דענטע דרוקערייען. א רעדאקציע שטאב, און יעדען טאג אנידערפריה דערשיינט א צייטונג מיט די נייעסטע ידיעות פון גאר דער וועלט, מיט ארטיקלען, פעליעטאנען און אפילו מיט אנאנסען, און די צייטונגען, וואס דערשיינען בעת די שיף פאהרט קיין איראפא, אנאנסירען זיך האטעלען און געשעפטע פון איראפא און אין די ..., אויף צוריקוועגס, אנאנסירען זיך אמעריקאנישע אונטערנעהמונגען.

די סערבישע קעניגין און דער בעל-עגלה

א פאריזער צייטונג דערציילט:

א בעל עגלה איז געפאהרען אין גאס און האט שטארק געשמיסען זיין פערדעל, א בארמהערציגע שוועסטער איז גראד אנגעקומען און גענומען מוס'רן דעם בעל עגלה פאר זיין אומבארמהערציגע האנדלונג קעגען זיין פערדעל. דער בעל עגלה איז אויפגערעגט געווארען און האט איהר, דער אלטליכע דאמע, דערלאנגט מיט דער בייטש. אויף איהרע קולות זענען אנגעלאפען מענשען, א פאליציאנט איז אויך אנגעקומען און דער ברוטאלער בעל עגלה איז אר־רעסטירט געווארען.

אין געריכט האט די „שוועסטער“ געבעטען דעם ריכטער, אז ער זאל דעם שמייסער בעפרייען, אויב ער וועט נאר צוזאגען, אז ער וועט שוין מעהר נישט שלאגען זיין פערדעל, דער בעל עגלה האט עס צוגע־זאגט און ער איז בעפרייט געווארען.

אין געריכט איז גראד געווען א רעפארטער פון א גרויסער בודאפעשטער צייטונג און איהם האט אויסגעוויזען, אז ער דערקענט אין דער „שוועסטער“ א בערימטע פרוי, וועמעס בילדער ער האט געזעהן אין צייטונגען, ער איז איהר נאכגעגאנגען ביז'ן קלויס־טער, וואו זי האלט זיך אויף, און דארט האט ער זיך דערוואוסט, אז די פרוי איז נישט קיין אנדערע ווי די געוועזענע קעניגין נאטאליא.

אלס פערטרעטער פון א גרויסע צייטונג, האט זיך דער רעפארטער דערשלאגען צו האבען אן אינ־טערוויו מיט איהר, מיט דער געוועזענער קעניגין. ער האט איהר אנגעבאטען א גרויסע סומע געלד פאר איהרע מעמוארען אבער זי האט זיך דערפון ענטזאגט. עס איז איהם אבער געלונגען ארויסצו־בעקומען פון איהר דאס פאלגענדע:

זי איז די טאכטער פון א רוסישען אריסטא־קראט און איז געווען אן אויסערגעוועהנליכע שיינ־הייט. ווען מילאן, דער סערבישער קעניג, האט זיך אין איהר פערליבט, איז זי א גאנצען אקט געווען זעכצעהן יאהר. ער האט איהר געבראכט אין זיין חויף און מיט איהר חתונה געהאט. ער האט זי א־בער בעהאנדעלט גראב און ברוטאל. זי האט גע־האפט, או ווען זי וועט איהם געבוירען א זוהן, וועט מילאן ווערען בעסער צו איהר. אבער זי האט זיך גע־נארט. זי האט איהם געבוירען א זוהן, און ער, איהר קעניגליכער מאן, איז נאך ערגער געווארען, פאר איהרע אויגען האט ער געהאט עסקים מיט פרעמדע פרויען, און איהר נאטאליען, האט ער אנגעטאן כל'ערליי געבערגטע ליידען.

נאטאליע האט עס מעהר נישט געקענט אויס־בערטראגען, האט זי מיטגענומען איהר קינד און איז אנטלאפען. מען האט איהר אבער געיאגט און דאס קינד אוועקגענומען און זי אליין איז אוועק אין פאריז.

מיט יאהרען שפעטער האט מילאן אפגעדאנקט פון טראן, כדי צו קענען חתונה האבען מיט א פראסטער פרוי, און זיין זוהן פון נאטאליען, אלעק־סאנדער, איז ארויף אויפ'ן טראן.

די געוועזענע קעניגין האט זיך געפיהלט גליק־ליך, וואס איהר זוהן איז קעניג געווארען. ער האט איהר אפגעשטאט איינינע וויזיטען און ... שיינע מתנות ווי א קינד צו זיין מוטער. ענדליך אבער האט זיך ארויסגעצייגט, אז דער זוהן איז נישט בעסער פון זיין פאטער, ער האט זיך פערליבט אין זיין מוטערס דינסט דראגא האט זי מיטגענומען קיין סערביען און מיט איהר חתונה געהאט.

דאן האט זי, נאטאליע, זיך פערבונדען מיט איהרע זוהנס שונאים און געפיהרט א קאנספיראַ־ציע געגען איהם און זיין דינסט-קעניגין. נאטאליעס כוונה איז געווען, ער זאל איהר אפגעטען, דער סוף איז אבער געווען, אז ביידע, אי אלעקסאנדער, אי זיין קעניגין זענען געהרגעט געווארען אויף א גרויל־זאמען אופן.

נאך דער דאזיגער הריגה איז נאטאליע אוועק אין א פראנצויזישען קלויסטער און איז געווארען א מאנאשקע.

לאָדז, 13 יוני 1930

ניַיער פאָלקסבלאַט

לאָדז, 13 יוני 1930

„די יודישע שטונדע"

דאָס „יודישע" וואָס דער ראַדיאָ צוטראָגט איבער גאַנץ אַמעריקאַ

פון ד"ר א. מוקדוני

פאַרהאַן יודען וואָס רעדען נישט קיין יודיש, וואָס ווילען נישט רעדען קיין יודיש, אָבער אַ חלבּי־דיגע וויץ, אַ פּסוק'ל אָנעקדאָט ווילען זיי דווקא דערציילען אויף יודיש; פאַרהאַן יודען, וואָס פאַר־שטעהען טאַקע גאָרניט נישט קיין יודיש, אָבער אַלע שלעכטע זידעל־ווערטער אויף יודיש און אַלע טריפה ווערטלעך אויף יודיש וויסען זיי.

אין עס נישט קיין צופאַל, איז עס נישט קיין משוגעת פון איינצעלנע יודען, דאָס איז עפּיס אַ וויסטע קללה, וואָס האָט זיך איינגעוואָרצעלט אין אונזער לעבען.

איך וואָלט געזאָגט, אַז דער גרעסטער טייל פון דעם נבזה פּה, וואָס האָט זיך איינגעריסען אין אונ־זער טעאַטער שטאַמט פון דער דאָזיגער געמיינער בע־ציהונג צו יודיש.

איך וואָלט געזאָגט, אַז די שוועריגקייטען, וואָס מיר באַגעגענען אין אונזער אַרבייט אויף דעם געביט פון יודישער קולטור קומען אַמ פון דער דאָזיגער ציניש־ער בעציהונג צו דער אייגענער שפּראַך.

און דערהויפּט ווען איהר עס שאַ־פער געמעיקען זען עב האַנדעלט זיך וועגען פערהיילונג אויף יודיש; דער פערהיילונגס־שטאָף אויף יודיש מוז עפּיס אַלע מאָל זיין דער נידעריגסטער, דער גראָבער און דער געשמאַקלאָזעסטער.

צעהנדליגער טויזענדער יודען פערהיילען זיך אויף יודיש, אַ חוץ די טעאַטערס אויף וועלכע די קריטיק האַלט ווי עס איז אַנאָנים אין אַ חוץ אַנדערע, אַזוי גערופענע, אפּיצ'עלע קריילעך פון קרובים, פון לאַנדס־מאַנשאַפטען און פון אַלטע חברה'לעך, דאַ אין די פערהיילונג אַ היימישע איז זי בעשטעהט מייסטענס פון שלעכטע יודישע וויצען, פון געמיינע מעשה'לעך און פון וואַנדאַליזירען די יודישע שפּראַך.

מיט וואָס פאַר אַ גליקל'ך און בלומרשט בעדוי־ערענדיגען פּנים אַ יודישער טאַטע, אָדער אַ יודישע מאַמע, וועט אייך איבערגעבען ווי דאָס זונהנדעל, אָדער דאָס טעכטער'ל ציקאַליעטשען יודיש.

איהר וועט אפילו בעמערקען אַ עטיקעל שטאָליץ, אַ שלעכט בעהאַלטענעם, פערשטעהט זיך, ביי אַזאַ טאַטען און מאַמען.

אין וועלכען יודישען הויז אין אַמעריקאַ לאַכט מען נישט מיט הנאה פון דעם שלעכטען יודיש, וואָס די יוגענד רעדט?

טויזענדער און טויזענדער יודען קענען זיך נאָך עד־היום נישט פאָרשטעלען, אַז אויף יודיש קען מען שרייבען וויסענשאַפטליכע ווערקע, אַז אויף יודיש קען מען שפּילען ערנסטע דראַמעס און אַז אויף יודיש קען מען שאַפען גרויסע און ערנסטע קונסט־ווערק.

און אפילו ביי יודען, וואָס רעדען יודיש גאַנץ בעי־וואוסטזיניג, וועט זיך גרייזלען אַ שמייכעל אויף זייערע ליפּען ווען זיי וועלען הערען, אַז מען שפּילט שעקס־פּיר אויף יודיש.

און כּסדר איבעראַשט אַ יודען מיט דער בריה־שקייט פון יודיש;

פאַרהאַן שוין אַנאַריטמעטיק אויף יודיש!

פאַרהאַן שוין וויסענשאַפט אויף יודיש!

פלאי פלאים!

שולדיג אין דעם איז די צווי שפּראַכיגקייט אונ־זערע; צוויי שפּראַכען, האָט איינע געמוזט ווערען אַ שבת'דיגע און די אַנדערע אַ וואָכעדיגע, איינע אַ היי־ליגע, וואָס מען טאָר זי אַז גאָר נישט אַרויסלאָזען אהין אַ מענטשלע, כּדי קיין שטויבעלע זאָל אויף נישט פאַלען. און די אַנדערע דורכאויס אַ נאַסיגע, וואָס דאַרף אָנגענומען דעם גאַנצען נאַסען שטויב, אין די הייליגע פערשמאַכט געוואָרען שטעהענדיג כּבוד אין אַרון־קודש און די אַנדערע איז פערגעסערט געוואָרען עטוואָ־העגדיג פּכּהר אין מאַרק.

די גרעסטע אַרבייט וועט דאַך אַוועקגעלייגט צו בעקעמפען די דורכאויסיגע וואָכעדיגקייט פון יו־דיש און די אַבסאָלוטע הייליגקייט פון העברעאיש, די יודישיסטען ווילען האָבען יודיש אי פאַר שבת אי פאַר דער וואָך און די העברעאיסטען ווילען האָבען העברעאיש אי פאַר דער וואָך און אי פאַר שבת.

אָבער ביידע האָבען עס נאָך נישט אויסגעקעמפט אינגאַנצען.

אין יודישען בעוואוסטזיין איז נאָך אַלץ דאָ ערגיץ פערוואַלגערט דער שעדליכער פאָראורטייל סיי געגען העברעאיש און סיי געגען יודיש, וואָרום ביידע, סיי די הייליגונג פון העברעאיש און סיי די פערוואָכעדיגונג פון יודיש, זענען נעהר שעדליכע פאָראורטיילען.

אויף העברעאיש דאַוונט מען און אויף יודיש דערציילט מען חלבּדיגע וויצען...

און אַלע מאָל דאַרף מען אָנהויבען עפּיס פון סאַמע אָנהויב; נאָך אַ פּאָר דורות פון יודישער קול־טור שטויסט איהר זיך פּלוצלינג אָן אויף אַ יודישען שונד, וואָס איז געווען מעגליך מיט דורות פריהער: איהר זעהט שוין זיכער, אַז די היינ, פּרימיטיווע און הפקר'דיגע עפּאָכע אין דער יודישער קולטור איז שוין היסטאָריש, מיט אַמאָל אָבער צייגט איער זיך עפּעס.

מיט אמאָל דערזעהט איהר, אַז איהר האָט נאָך אַלץ ביי סאַמע אָנהויב.

אָט נעהמט למשל, די יודישע שעה אויף דער ראַדיאָ.

דורך דער ראַדיאָ האָט זיך חי פון אַ בעהערט־נישׁ אַרויסגעלאָזען דער אַלטער יודישער מעאַמע־שׂימעלע, דער גאָר אַלטער שונד, דער חלבּדיגער וויץ, כּיבּקענדיגער אַנעקדאָט, די ווייַ קעלעדישע האָלייונ־גישקייט, די מגושמ'דיגע פערהיילקייט די אַלטע גראָב פּאַראַציטישע גרימאַסען, דאָס היזעדיגע לידעל און די הינטער־געסעלדיגע געמיינע בעהעוודיגקייט.

מיר האָבען געמיינט, אַז דער ווייַ־קעלערישער „קינ־סטלער" איז שוין לאַנג אַ שׂלמ־עפר. מיר האָבען גע־מיינט, אַז דער ווילדער און טעמפּער שונד איז אויף אייביג פערשוואונדען געוואָרען, מיר האָבען געמיינט, אַז די צייטען פון דיער פּאַציעשקייט זענען שוין לאַנג אַריבער, שטעלט זיך אַרויס, אַז דאָס גאַנצע בינטעל גייסטיגע פּסולת איז אָפּגעהיט געוואָרען געטריי און ביי דער ערשטער, בעסטער געלעגענהייט איז עס אַרויס־געשפּרונגען ווידער אויף דער ליכטיגער וועלט.

די יודישע שעה אויף דעם ראַדיאָ האָט מחיה המתים געווען דאָס בינטעל פּסולת אונזערס.

עס איז געקומען די גרעסטע און וואונדערליכסטע ערפינדונג אין האָט אונז געבראַכט צוריק אַלץ, וואָס מיר האָבען, די ווילסטע רוחות געטריבען פון יודי־שען לעבען.

די גרעסטע און וואונדערליכסטע ערפינדונג פון אונזער צייט האָט פאַר אונזער קולטור גאָר נישט איינ־געטען, גאָר פערקעהרט — דורך איהר האָט דער גייס־טיגער אַפּפאַל אונזערער גאָר בעקומען אַ תיקון.

דורך דער ראַדיאָ ווערט אין מיליאָנען הייזער אַריינגעבראַכט דאָס שענסטע און דאָס בעסטע, וואָס די וועלט פערמאָגט און שאַפט.

דער מענש האָט בעקומען אַ וואונדערליכען געהער, ער קען זיצען ביי זיך אין צימער און הערען, וואָס די קלוגסטע זאָגען אין אַלע עקען פון דער וועלט, הערען וואָס די גרעסטע קינסטלער זינגען, הערען ווי די גרעסטע ווירטואָזען שפּילען, דער מענש איז געוואָרען טויזענדער מאָל פעהיגער ווי ער איז געווען, דער מענש האָט בעקומען טויזענדער מאָל מעהר מעגליכקייטען צו אַנטוויקלען זיך און אהן אָנשטרענגונג און קאָסטען געניסען די גרויסע גייסטיגע שפע פון דער וועלט.

אמת איז, אַז די גאַנצע וועלט האָט ערשט אָנגע־הויבען אויסצונוצען די ראַדיאָ ווי געהעריג, מען חודשט זיך נאָך אַל עמט'ן וואונדער און מען איז נאָך נישט געניג בעריהיגט, אַז מען זאָל די ראַדיאָ ערנסט איינ־שפּאַנען אין דער דינסט פון דער מענשהייט.

דערווייל זענען די לצים די ערשטע, וואָס נוצען אויס בּרייט די ראַדיאָ, דערווייל האָבען זיך די קאָמע־דיאַנטען צוגעכאַפּט צו דער ראַדיאָ, און אַזוי איז עס געוואָרען, אַז דער ראַדיאָ איז געקומען אויף דער וועלט דערהויפּט צו צוטראָגען וויצען, לידלעך, און שפּאַסען.

אָבער מען הויפּט זיך אַז סוף־כּל־סוף אַרומזעהן, אַז דער ראַדיאָ קאָן טאָן עפּיס וויכטיגערס, עפּיס ניצלי־כערעס און עפּיס בעסערס.

מען הויפּט זיך אַז אַרומזעהן, אַז די ראַדיאָ האָט אַ גרעסערע און וויכטיגערע מיסיע.

און וואָס אַ טאָג ווערט די דאָזיגע גרויסע ער־פינדונג מעהר אַריינגעצויגען אין דעם לעבען פון דער וועלט, איהרע שליחות'ן ווערען וואָס אַ טאָג ווי־טיגערע און ערנסטערע, און עס איז נישט ווייט דער טאָג, אַז די ראַדיאָ אין אַמליכעם הויז וועט נישט זיין בלויז אַ אַ־יש שפּיל־קעסטעל, זי וועט זיין דער אויער, וואָס נעהמט אויף דאָס שענסטע און דאָס בעסטע, וואָס די וועלט שאַפט.

איטליכעם וועט קאָנען זיין אַן אוניווערזיטעט, איט־ליכעם הויז וועט קענען זיין אַ מוזיק־אַפּאַליטען אָפּע־ראַ, איטליכעם הויז וועט קענען זיין אַ קונסט־טעאַטער איטליכעם הויז וועט קענען ווערען דער צענטער פון דער וועלט.

און אין מיטען פון די פערשידענאַרטיגע ענגלי־שע שעה'ן רייסט זיך אַריין די יודישע שעה, אַנ־אָרימענקע איז זי און כּסדר אַ לאַכענדיגע איז זי. די יודישע שעה איז דער יודישער וויץ.

דאָס ערנסטע, דאָס נויטיגע, דאָס פייך־אַמוזירענדע, דאָס בעלעהרענדיגע און דאָס קלוגע האָט מען אויסגע־הערט אין די פיל ענגלישע שעה'ן, אָבער אויף יודיש הערט מען בלויז אַ וויץ, אַ ווערטעל, אַ קופּלעטעל, אָדער העכסטענס אַ שטיקעל באַנאַל געזאַנג, וואָס איז אָפּגעצופּט פון אַ יודישער אָפּערעטע, אַנאָנים־געהער־שע פאָלקס־לידעל אָדער, אַז מען איז שוין גאָר ערנסט — קומט אַ שטיקעל וויינענדיגע חזנות.

אין אַ יודישע שעה אַ געמיש פון חלבּדיגע וויי־צען, יודיש טעאַטער און חזנות.

דאָס זענען שוין די בעסטע יודישע שעה'ן, דאָס זענען אַזעלכע שעה'ן, וואָס קומען אָנגעבלאָזען און מיט שרייענדיגע פּרעטענזיעס צו ערציהען דעם עולם.

מיר איז נישט אויסגעקומען צו הערען אין יודי־שע שעה, וואָס איז מעהר, אָדער ווייניגער מיט געש־מאַק און מיט אַ וועלכען עס איז סיסטעם צוזאַמענגע־שטעלט.

מיר איז נישט אויסגעקומען צו הערען אויסזופער, וואָס זאָל נישט קלאַפּען דורכ'ן ראַדיאָ דעם יודישען עולם איבער'ן פּלייצע וואויל־יונגעריש, גוט־ברודעריש, און סתם היימיש, אַנאויס־ופער, וואָס זאָל רעדען מיט ווירדע און אַביסעל אַכטונג צו זיך און צו דער אוי־דיטאָריע.

מיר איז נישט אויסגעקומען צו הערען כאָטש איין מיטמיגען רעפּאָרט אויף אַ יודישער טעמאַ דורכ'ן ראַדיאָ.

מיר איז נישט אויסגעקומען צו הערען אַ וועלכע עס איז ערנסטע אָפּהאַנדלונג וועגען איין איינציגער צווייג אין דער יודישער קולטור.

די ראַדיאָ שעה איז אַריינגעפאַלען אין די הענט פון אַזעלכע מענשען, וואָס ווייסען, אַז אויף יודיש רעדט מען וויצען, און אַז אַ יודישע שעה דאַרף פאַר־כען לאַכענדיג די גרויסע, אומזעהבאַרע אוידיטאָריע.

און דוכט זיך, אַז די ראַדיאָ דער לכטיגער און אפשר נעהר וואָג ווי אַזוי צוצוקומען צו דעם פיל מיליאָנען יודישען עולם מיט אַ וואָרט וועגען אונזערע בריגענ־דיגע פראַגען, וועגען אונזער קולטור און וועגען אַלץ וואָס איז געזונד אין פאָלקסבאַר יודיש.

די גרעסטע די בעסטע יודישע קולטור־אַרבייט געזעלשאַפטליכע און פּאָליטישע אַרבייט קען אָפּגע־טאָן ווערען דורך דעם וואונדער פון דער ראַדיאָ.

האָט מען דעם גרעסטען וואונדער פון אונזער צייט איבערגעלאָזען אין די הענד פון לצים, פון שטאָטלער, פון פּוסטע דעקלאַמאַטאָרען און פון דעם יודישען טעאַ־טער, וואָס האָט זיך אַליין מיט זיין אומבעהאָלפענקייט אומגעבראַכט.

און מען האָט פאַר די עטליכע יאָהר איינגעוואויגט דעם גרויסען עולם, אַז ביי דער יודישער שעה דאַרף מען כיכיקען.

איך ווייס, אַז עס וועט שוין זיין איצט שווער צו איבערברעכען די גרויסע ראַדיאָ אוידיטאָריע, זי איז שוין פערקריפּעלט, אָבער מען מוז דאָרט עפּיס טון, כּדי צו אַרויסראַטעווען די גרעסטע טריבונע און צו אויסקעמפען פאַר דער יודישער קולטור און יודישער געזעלשאַפטליכקייט. שפּעטער וועט עס זיין נאָך שווערער.

רעליגיעז תאוה און אויסגעלאַסענקייט

די סצענעס וואָס האָבען זיך אָפּגע־שפּילט בעת'ן „גאָטעס־דינסט"

אויף אַ פּלאַץ אין מיטען שטאָט זענען זיך צו־נויפגעקומען אַל עפּרדער פון דער פלאַגעלאַנטען־חבר־ה, און אַרום דעם פּלאַץ זענען געשטאַנען די טויזענדער מענשען און זיך צוגעקוקט. אַלע פלאַגעלאַנטען, מע־נער און פרויען, האָבען אַראָפּגעוואָרפען פון זיך די קליידער, זיך אויסגעלייגט אויף דעם ברוק, די הענד ה"ט אויסגעצויגען, אַזוי, אַז דער קערפּער האָט גע־בילדעט אַ צלם. אַ ווייַלע זענען געלעגען אָהן בעוועגונג און נאָכדעם האָט זיך יעדער אָנגעהויבען מודה זיין אין זיינע זינד. אָבער מודה געווען זיך איז מען נישט מיט ווערטער, נאָר מיט בעוועגונגען.

יעדע זינד האָט געהאַט אַנאַנדער בעוועגונג. צום ביישפּיל: דער יענער, וואָס האָט אָפּגעגעבען אַ פאַל־שער שבועה, האָט זיך געמוזט לייגען אויף אַ זייט און אויפהויבען זיין פינגער; אַ מאַן, וואָס איז נישט געטריי געווען זיין פרוי, אָדער אַ פרוי, וואָס איז נישט געטריי געווען דעם מאַן, האָט זיך אַרויפגעלייגט מיט'ן פּנים אַראָפּ; אַ מערדער האָט זיך געלייגט אויפ'ן רוי־קען; אַ גנב איז געלעגען פערקרומט און זיך געהאַל־טען ביי די פוס־קנעכלעך, און אַזוי ווייטער. ווען אַלע ברידער און שוועסטער האָבען זיך שוין אַזוי אַרום מודה געווען אין זייערע זינד, האָט זיך אויפגעהויבען דער עלטסטער פון די פלאַגעלאַנטען און האָט גענומען שמיי־סען ביז בלוט עמיצען פון די מענשען, וואָס זענען גע־לעגען פאַר איהם, וועמען ער האָט נאָר אויסגעקליבען, און דערביי האָט ער געמורמעלט אַ קאַפּיטעל תהי־לים, ווען ער האָט שוין געהאַט אָריינגעגעבען יענעם די נויטיגע פּאַרציע שמיץ, האָט זיך דער געשמיסע־נער אָדער די געשמיסענע, געמוזט אויפהויבען און צוזאַמען מיט'ן עלטסטען זענען זיי צוגעגאַנגען צו אַנ־אַנדערע, און יענעם ווידער געשמיסען. נאָכדעם זענען זיי שוין געגאַנגען זאַלבעדריט, נאָכדעם — זאַלבע־פירט, און אַזוי ווייטער.

און וואָס מעהר מען האָט געשמיסען און וואָס מעהר בלוט עס האָט זיך געגאָסען און וואָס מעהר שענד־ליכע סצענעס עס האָבען זיך אָפּגעשפּילט, אַלץ בּרע־[illegible] איז געוואָרען די [illegible] בעגייסטערונג.

אַליין הייליגער האָט מען געזונגען הייליגע פּסוקים. ווען די „שמיים־סצענע" האָט זיך פערענדיגט, האָט דער עלטסטער פּראָקלעמירט אַ גרויסען בריף, וואָס ער האָט בעקומען פון יעזוס קריסטוס, און אין וועלכען עס זענען געווען אויסגערעכנט די נעמען פון די אַלע מענשען, וועלכע האָבען זיך דאָ געלאָזען שמיי־סען, און דורכדעם האָבען זיי אויסגעקויפט זייערע זינד. צום סוף פון דעם בריף שרייבט קריסטוס וועגען דער גרויסער מצוה און דער הייליגקייט פון לאָזען זיך שמייסען, און ער גיט אַן עצה יעדען, ווער עס וויל נאָר ראַטעווען זיין נשמה, אַז ער זאָל זיך לאָזען שמייסען דורך זיינע הייליגע דינער, די פלאַגעלאַנטען.

די געשיכטע מיט'ן בריף איז געווען געווענ־ליך מיט ווייסע פערד, און יעדער האָט געקענט אויסאַ־מיט די הענד דעם לייגען. אָבער דער עולם, וואָס האָט זיך צוגעקוקט צו דער גאַנצער ווילדער, פלאַגעלאַנטע־שער סצענע, און וועלכער האָט געזעהן ווי סיי זיך פאַר זיינע אויגען שטראָמען בלוט און ס'טראָגען זיך די געשרייען פון די געשמיסענע און די חיה'שע הנאה־קולות פון די שמייסער, איז אינגאַנצען צוטומעלט געוואָרען פון אַלץ, וואָס דאָ איז פאָרגעקומען. דער בעוואוסט־זיין איז פערטונקעלט און פערשיכּורט געווען, און מ'־האָט פערלוירען די פעהיגקייט זיך פונאַנדערצוקלייבען און דעם, וואָס ס'איז אַ ליגען און וואָס ס'איז אַנ־אמת. מ'איז געשטאַנען און מ'האָט געגאַפט; און אָפּטמאָל האָט עס אויף אַנאַנדערען פון דעם אַרומשטע־הענדיגען עולם געמאַכט אַזאַ אייַנדרוק, אַז ער איז אויך צוגעשטאַנען צו די פלאַגעלאַנטען, האָט זיך אויס'ן אָרט אויסגעטון נאַקעט, און זיך געלאָזט אָפּשמייסען אין גאָט'ס נאָמען.

אָבער ווען דער פלאַגעלאַנטיזם האָט זיך גענו־מען שטאַרק אַנטוויקלען און אין געזאָרגען וועהר פער־שפּרייט צווישען פאָלק, און די בעוועגונג איז אַלץ גע־וואַקסען און געוואַקסען. האָבען די גלחים אָנגעהויבען איינזעהן אין איהר אַ געפאַהר פאַר זיך. צום גרעסטען טייל איז עס אַלעמאָל אַזוי אין דער געשיכטע, אַז די קאַ די יענגע, וואָס רופען אַרויס אַ בעוועגונג צוליב זייערע איינענע צוועקען. דערשרעקען זיך נאָך דעם אַליין פאַר דער בעוועגונג, ווען זי נעהמט אַן ברייטע פאַרמען, און ווי זוכען איהר אַליין צו דערשטיקען. און אַזוי איז עס אויך געווען מיט די פלאַגעלאַנטען און מיט דער העררשענדער קירך.

דער פלאַגעלאַנטיזמוס ווערט אַ גע־פאַהר און מ'הויבט איהם אַן שטיקען

די גלחים האָבען איינגעזעהן אַ געפאַהר פאַר זיך אין דעם, וואָס די פיהרער פון די פלאַגעלאַנטען האָבען אָנגעהויבען צו פערגעבען זינד, און ווי בעוואוסט, קאָנען נאָר גלחים אַליין פערגעבען זינד, און קיין אַנ־דערער טאָר זיך אין דעם נישט אַריינמישען. אויסער דעם, איז די גלחים נישט געפעלען געוואָרען די גע־שיכטע מיט'ן בריף פון קריסטוס, וואָס ווערט פאַרגע־לעזען פאַר'ן עולם נאָך יעדער פלאַגעלאַנטען־סצענע. ביז איצט האָט דאָך נאָר די קירך געהאַט דאָס רעכט אויסצוטראַכטען באַבע־מעשיות, מאַ ווי קומט עס, אַז אַנדערע נעהמען זיך די זעלבע רעכט? און דערפאַר האָבען די גלחים איינגעזעהן אין דער סעקטע אַ גע־פאַהר פאַר זיך.

אין יאָהר 1349 האָט דער פּויפּסט אַרויסגע־לאָזען געגען זיי אַ שטרענגע שריפט און די גלחים פון אַ סך שטעט האָבען אויסגעריפען פון די קירכען־בּיהמה'ס, אַז די פלאַגעלאַנטען זענען נאַראַנים, פּוס־טע פאַנטאַזיאָרען און אפיקורסים, און דעריבער זאָל מען זיי נישט נאָכגעהן און איבערהויפּט מיט זיי וואָס ווייניגער האָבען צו טון. די פלאַגעלאַנטען, וועלכע האָבען דעמאָלט געצעהלט אין די הונדערטער טויזענדער און האָבען זיך געפיהלט זעהר שטאַרק, האָבען געענט־פערט אויף דעם דערמיט, וואָס זיי האָבען אָנגעהויבען דעם פּויפּסט קלעמענס דעם זעקסטען. וועלכער איז דער ערשטער אַרויסגעטרעטען געגען זיי, מיט'ן נאָמען „שטן". און ס'האָט זיך אָנגעהויבען אַ פער־ביטערטער קאַמף צווישען ביידע לאַגערס, די גלחים האָבען דאָך געהאַט די גאַנצע מאַכט און זיי האָבען אַזוי לאַנג פערפאָלגט די פלאַגעלאַנטען, יענע סעק־טע, וועלכע זיי האָבען אַליין אַרויסגערופען צום לע־בען, ביז די פלאַגעלאַנטען האָבען זיך דאַר געמוזט אונטערגעבען.

די מיטעל־אַלטערליכע זיטען פון שמייסען ד — גלויביגע ביז בלוט

אָבער אום צו בעזיגען די שטאַרקע פלאַגע־לאַנטען־סעקטע, האָט די קירך געמוזט אָנווענדען די שטרענגסטע מיטלען, און די אינקוויזיציע האָט זיך אַפּי־לו נישט אָפּגעשטעלט פאַר'ן פערברענען איינציגע פלאַ־געלאַנטען. דער קאַמף האָט זיך געצויגען אַ ביסעל הונ־דערט יאָהר, און ענדליך איז דער פלאַגעלאַנטיזם אינ־גאַנצען אויסגעראָטען געוואָרען, ס'זענען נאָך אַפילו געבליבען קליינע גרופּעס פלאַגעלאַנטען, אָבער זייערע „שמייס־סצענעס" האָבען זיי שוין מעהר נישט גע־קענט דורכפיהרען עפענטליך, זיי האָבען זיך געמוזט אויסבעהאַלטען און אין געהיים זיך שמייסען, און זיי האָבען איבערהויפּט מעהר נישט געשפּילט די ראָל, וואָס זיי האָבען געשפּילט אין די פריהערדיגע יאָהרען. אין די יאָהרען פון די פלאַגעלאַנטען זענען הויפּטזעכ־ליך איצט געבליבען די גאָר גרויסע פאַנאַטיקער און פערדאַרבענע מענשען, וועלכע האָבען, אין די רייהען פון די סעקטע געהאַט די מעגליכקייט אויסצופיהרען זייערע אויסגעלאַסענע וואונשען. דער בריטער עולם וועלכער איז איינגעשראָקען געווען דורך דעם קאַמף פון דער קירך געגען דער סעקטע, האָט זיך אָפּגעקעהרט פון די פלאַגעלאַנטען און האָט פערגעסען אַז זיי.

אין גאַנצע, איז אָבער דער פלאַגעלאַנטיזם נישט אָפּגעטויט געוואָרען. אייב אפילו ער איז שוין מעהר נישט געווען קיין פאָלקס־בעוועגונג, ווי ער איז אין אָנהויב געווען. איז אָבער דאָך דאָס שמייסען נאָך אויף אַ סך יאָהרען פערבליבען אַ וויכטיגער מנהג ביי פיל קריסטליכע צערעמאָניעס. עס זענען פאַרהאַן פער־שידענע בעשרייבונגען וועלכע שטאַמען פון דעם 17־טען און 18־טען יאָהרהונדערט, וואו עס זענען געשילדערט סצענעס פון פלאַגעלאַנטיזם, וועלכע האָ־בען זיך אָפּגעשפּילט אין די קאַטוילישע לענדער אין פערשידענע קריסטליכע יום־טוב'ים. אין די שילדערונ־גען בעשרייבען מענשען, וואָס האָבען אַליין די סצע־נעס בייגעוואוינט, אַלץ, וואָס עס האָט זיך דערביי אָפּ־געטאָן ווי הונדערטער מענשען זענען צוקאַליעטשעט געוואָרען און געבליבען קאַליקעס, ווען וועהר אויס־געלאַסענע אַרגיעס, וואָס האָבען זיך דערביי אָפּגע־שפּילט און וועגען די פערשידענע שענדליכע איבער־הייסען.

(שלוס קומט נאָך).

די קעניגליכע בתולה

ווי אזוי מען האט אין אלטען ענגלאנד געפייניגט מענשען

אויף א שוידערליכען אופן איז אומגעקומען א יודישער קעניגליכער דאקטאר

היינט קען מען זיך עס קוים פארשטעלען, ווי אזוי מיט דריי הונדערט יאהר צוריק האבען די ענגלישע מלכים געקענט זיין אזוי מערדעריש, סאדיסטיש, דערהויפט אן ענגלישע מלוכה, ווי למשל די קעניגין עליזאבעט, וועלכע האט אויף א שוידערליכען אופן געלאזט טויטען איהר יודישען דאקטאר רואי לאפעז.

מיט דריי הונדערט יאהר צוריק איז דר. לאפעז אליין געווען א קריסט, אבער ער איז געבוירען געווארען א יוד אין פארטוגאל פון מאראנישע עלטערן, א חשד איז אויף איהם געפאלען, אז ער האט געוואלט פערסמען זיין קעניגליכע פאציענטקע. דער חשד איז געווען אן שום גרונד. די געשיכטע האט שוין לאנג בעוויזען זיין אומשולד. אין יענע צייטען איז דאס גע־ווען א סך אנדערש, ווי איצט. קיינעם איז נישט איינגעפאלען אריינצוגעהן אין די מאטיווען פון א מעגליכען פערברעכער. יעדער איינער — פון דער קע־ניגין ביז דעם מינדסטען בעאמטען, וואלט געמוזט צוגעבען, אז דער יוד האט נישט געהאט קיין שום גרונד צו וועלען טויטען עליזאבעטען. ער איז געווען בעליבט. ער האט גוט פערדינט פערנומען א הויכע פאזיציע כאטש געבוירען א יוד, און אין עליזאבעטעס צייטען האט אידישער פוס נישט געטארט טרעטען אויף ענגלאנד'ס „הייליגער" ערד. ער איז אבער אין זיין גלויבען געווען א קריסט, א פרומער קירכען־געהער און דאס איז דעמאלט געווען גענוג. ביי ראסען־שעאריעס האט נאך נישט עקזיסטירט. קיין שארלאטאנ'ישע לערעס האבען נאך קיינעם די מוחות נישט פערטומעלט. טא צו וואס האט ער געדארפט איינשטעלען זיין לעבען, קאנספירירען מיט'ן שפאנישען הויף געגען עליזאבעט, און וועלען איהר טויטען?

אבער די אדוואקאטען פון יענער צייט האבען אזעלכע קליינקייטען נישט פערשאפט קיין אומרוהיגע מינוט.

עס איז געווען גענוג, אז מען זאל ביים דאקטאר לאפעז אויף דער מארטער־באנק, וואו מען האט איהם אויסגעדרעהט די הענט, די פיס, געריסען די נעגעל פון די פינגער, געברענט די פיאטעס מיט גליענדע אייזענס, — אז מען זאל אונטער אזא פייניגונג ארויסקוועטשען ביי איהם די „ווידוי", אז ער ווייס עפיס א פערשווערונג, און ער זאל געשיקט ווערען צום טויט.

צום טויט! נישט איין טויט איז געווען גענוג אין יענע צייטען, נאר עטליכע. אפילו טויטערהייט האט מען איהם נישט געלאזט צו רוה.

קודם־כל האט מען איהם געהאנגען ווען די תליונים האבען בעמערקט, אז דער לעצטער פונק פון לעבען האלט ביים לעשען זיך — ער איז שוין געווען אן אלטער מאן — האט מען איהם אראפגענומען דאן האט מען איהם קאסטרירט, אויפגעשניטען דעם בויך, אז די אינגעווייד זאל ארויספאלען, און דאן ווידער אויפגעהאנגען. ווען ער איז שוין געווען טויט, האט מען איהם צעפערטעלט און פערברענט — צו דער גרויסער שמחה פון המון.

אזעלכע מיתות האט מען אנגעטאן מענשען אין דער צייט פון דער קעניגין עליזאבעט.

געווען א מאדנע צייט, א כמעט אומפערשטענדליכע פאר אונז.

עליזאבעט איז געווען די טאכטער פון הענרי דעם אכטען פון זיין צווייטער ווייב, ען באלען. ווען איהר פאטער האט געלאזט קעפען איהר מוטער, איז עליזאבעט אפיציעל דערקלערט געווארען פאר א ממזר, און איהרע שאנסען צו טראגען א קרוין איפן קאפ זענען געווען נול — גארנישט. אבער עס האט זיך אזוי געמאכט, אז הענרים זון, עדווארד דער 6־טער, איז געשטארבען א בחור פון 18 יאהר און קיין יורש נאך זיך נישט געלאזט. נאך עדווארדן האבען די קאטאליקען געמאכט מעריין, הענרים טאכטער פון זיין ערשטער ווייב, קאטערינע פון אראגאן, פאר קעניגין. מערי האט נישט געוואלט ווייסען פון דער רעפארמאציע, פון איהר פאטערס רעוואלט געגען פויפסט. ספעציעל, ווען אט די רעליגיעזע רעוואלוציע האט הענרי געמאכט צוליב ען באלען, און דאס ווידער האט געפיהרט, אז איהר טאטע זאל אפגעגטן איהר מאמע. מערי איז אין דער ענגלישער געשיכטע בעקאנט ווי די „בלוטיגע מערי", צוליב די הונדערטער פראטעסטאנטען, וואס זי האט געלאזט טויטען. אבער מערי האט אויך נישט געהאט קיין יורשים, כאטש זי האט חתונה געהאט. ווען זי איז געשטארבען, האבען די פראטעסטאנטען דערוועהלט זייער געגענערין, און פראקלאמירט אלס קעניגין עליזאבעט, וואס איז געווען פראטעסטאנטיש דערצויגען.

עליזאבעט האט לאנג געלעבט און לאנג געקעניגט. זי איז געשטארבען צו זיבעציג יאהר — א זייער הויכער עלטער אין יענע יאהרען. פארוואס איז זי פערבליבען א בתולה?

לויט אלע סמנים האט זי פשוט נישט געקאנט חתונה האבען. זי האט געליטען פון עפיס א פיזישען חסרון. וואס — ווייס מען איצט נישט גענוי. מעגליך אויך, אז א גייסטיגע אורזאך האט פאר איהר אוממעגליך געמאכט, זי זאל זיך קערפערליך צונויפקומען מיט א מאן. ווען זי איז אלט געווען 14 יאהר, האט זי געוואוינט אין דעם היים פון קאטערין פאר, הענרי דעם 8־טענס זעקסטער ווייב, וואס האט באלד נאכ'ן טויט פון קעניג חתונה געהאט מיט דעם הויפט־אדמיראל סימור. אט דער מאן פון איהר שטיפמאמע, האט זיך כסדר געטשעפעט צו דער יונגער מיידעל, איינמאל, ווען זי איז געשלאפען אין בעט, אין מיטען דער נאכט, איז דער הויכער „אדמיראל" זי גראב בעפאלען און נישט אפגעלאזט ביז עליזאבעטס געשרייען האבען אויפגעוועקט איהר שטיפמאמע, די געוועזענע קעניגין קאטערין פאר.

עליזאבעט האט מעהר קיינמאל וועגען דעם נישט געוואלט רעדען. אבער זי האט אויך קיינמאל נישט חתונה געהאט. מעגליך, אז אט די שווערע איבערלעבונג האט געווירקט אויף איהר גייסט. די פסיכאלאגיע

אבער אויב עליזאבעט האט נישט חתונה געהאט, ווייס מען פון א סך אויגענצייגע פאלען, פון א סך אזעלכע שטערענישען צו פיהרען א נארמאלען געשלעכטס־לעבען. האט זי דערפאר געפיהרט א סך ליבעס, צי זיי זענען געווען אינגאנצען פלאטאנישע פערהעלטנישען, ווייס איצט קיינער נישט. מען ווייס אבער, אז זי האט זיך כסדר ארומגערינגעלט מיט שעהנע יונגע ריטערס, געטאנצט מיט זיי הייס און פיל און זיי גערייצט מיט איהרע כמעט אפענע קליידער. זעהר אפט פלעגט זי אויך זיך פערקלייבען מיט דעם יונגסטען און שענסטען אין א ווינקעל און דארט אפזיין מיט איהם שעהן לאנג. מען ווייס אויך, אז זי האט געגעבען הויכע רעגירונגס־שטעלעס א סך מענער, בלויז צוליב זייער שעהנקייט. דאס איז געווען דער פאל מיט דעם גראף לעסטער, וואס האט פערמאגט א גאנץ שוואכען קאפ, איז אבער געווען א כוואט א יונג, שעהן און שטארק, ער איז געווען איהר הויפט־מיניסטער, און זיין אמט האט געהאט צו פערדאנקען בלויז דעם פאקט, וואס ער האט געשטעלט אויף אזא צי אנאנדער איפן דער קעניגינס ליבע־בעגעהרען.

דאס מערקווירדיגסטע דערביי איז, וואס אט די קעניגליכע בתולה האט איהרע מאדנע ליבעס געפיהרט ביז דער שפעטער עלטער, ווען זי איז שוין געווען איבער פופציג און איבער זעכציג.

עליזאבעט האט זיך צו דריי און פופציג יאהר פערליבט אין דעם יונגען 19־יאהריגען ראבערט דעוועריי, וואס איז שפעטער בעקאנט געווארען אלס גראף פון עסעקס. עס איז געווען א וועלטען ריכטיגער ראמאן, מיט אלע קליפעריעך, וואס האט קנאפע 12 יאהר צייט געטריט צווישען דער קעניגין און איהר פאוואריט. א ליבע מיט שבועות ביי דער לבנה און מיט אייפערזוכט, מיט סאנעטען און מיט טענות, פרעטענזיעס און רייסערייען. דאס מאדנעסטע דערביי איז, וואס גראף עסעקס האט ווייזט אויס, אויף אן אמת געליבט עליזאבעטען, יעדענפאלס אין אנהויב.

עסעקס איז געווען א אמת'ער וואויל־יונג, שעהן ווי די וועלט, געבילדעט, בראוו, קינסטלעריש. האט פערפאסט לידער און סעיען. געשפילט אויף עטליכע אינסטרומענטען. ער האט אפעלירט צו א סך פרויען, א סך יונגערע און שענערע ווי די אלטע קעניגין.

גייסטיג האט ער דווקא זעהר געפאסט פאר דער קעניגין. עליזאבעט איז געווען אן אמת'ע טאכטער פון איהר צייט. זי האט געקענט אכט שפראכען, חוץ איהר איגענער — ענגליש. זי האט אויך געשריבען לידער. האט פערמאגט אן אויסגעצייכנטען סטיל. ווען א פוילישער אמבאסאדאר איז אמאל געקומען צו איהר, און איז א לאטיינישער געשיקטער רעדע אויסגעדריקט זיין לאנדעס טענה צו איהר, האט זי איהם געענטפערט עקספּראמט מיט א לאטיינישען מאנאלאג, וואס האט איבערראשט דעם גאנצען הויף און מעהר פון אלעמען — דעם פוילישען אמבאסאדאר אליין. אבער עליזאבעט האט אויך געהאט די אנדערע „מעלות" פון איהר צייט. זי האט געקענט טרינקען ווי א גענעראל־מאיאר און זיך זידלען ווי א זעלנער. צו לאזען אימיצען טויטען איז פאר איהר געווען א קלייניגקייט. אויף די בעלער האט זי מיט איהר טאנצען מיד געמאכט אלע קאוואליערן און נישט פערקעהרט. דאס — אפילו אין דער הויכער עלטער. מיט איהר רויט־געפארבטען פארוק, מיט איהרע געפודערטע און פערפומירטע פעל, און בריליאנטען, מיט איהר דעקאלט, וואס האט דערגרייכט ביז העט אראפ. האט זי מאדנע גערייצט די יונגע הויפליט. זי איז פאר זיי געווען אן אומפערשטענדליכער רעטעניש, עפעס פון אן אומבעקאנטער וועלט. 25־יאהריגע ליטערס האבען זיך דועלירט צוליב איהרען א בליק, צוליב איהרע א מתנה. דער יונגער לארד מאנטגאמערי, דער יונגער אריסטאקראט וואלטער ראלי און א סך אנדערע האבען געחלשט צו זיין לעבען איהר, צו פערברענגען אין איהר שלאף־צימער איז געווען א גרויסע זכיה און א גרויס גליק.

איז זי געווען שעהן? אין דער יוגענד איז זי געווען גאנץ אנציענד. אין די מיטעלע יאהרען — נישקשה. אין די עלטערע יאהרען איז געווען פאר די מענער א געהיימניספול וועזען — און ווען עסעקס האט חתונה געהאט, האט זי מיט איהם געברוגזט עטליכע וואכען. זי האט זיך איבערגעבעטען מיט איהם ערשט נאכדעם, ווי ער האט איין א מייסטערהאפט געשריבענעם בריוו — איהר פערזיכערט, אז זיין ליבע צו איהר וועט ערשט אויפהערען, ווייל זיין ווייב בינדט איהם בלויז די פליכט, צו דער קעניגין אבער די ליבע.

לאנג האט זיך געצויגען אט דער משונה'דיגער ראמאן, מיט די זיפצענישען אין שטילע, טונקעלע ווינקעלעך, מיט די עקסטאזען הינטער פערשלאסענע טיהרען, מיט די צאנקערייען און איבערבעטענישען. עליזאבעט האט כסדר געהעכערט עסעקס'עס ראנג, ביז ער איז געווארען דער שטאלצסטער לארד פון דער מלוכה. זי האט איהם אויך געמאכט פאר דעם רייכסטען אין איהר לאנד. זי האט איהם איבערגעגעבען די טאקסען אויף א גאנצע ריהע אימפארטירטע סחורות, ווי חיין און ד. גל.

אבער „יעדער טוט די זאך וואס ער ליבט", און עליזאבעט האט געבראכט צו דער ערמארדונג פון עסעקס'ען. ער איז געקעפט געווארען ווען זי אליין איז שוין אלט געווען 68 יאהר און ער — בלויז פיער און דרייסיג.

פינגער

(סקיצע)

פון יצחק בלום

אליין וואס איז נומאנ'ען פערבליבען אין זכרון פון זיין געוועזענער פרוי נאכדעם ווי זיי זענען שוין געווען עטליכע יאהר געגט, זענען געווען איהרע פינגער, איהרע שעהנע, דינע, עלאסטישע פינגער, מיט די שפּיציג־אויסגעטאקטע פערשארפטע נעגעלאך, וועלכע האבען איהם צו זיך געצויגען ווי מאגנעטישע צוועגלאך...

דאס איז געווען עפיס מאדנע פינגער; אזעלכע לאשטשענדיגע, גלענצענדיגע, ווי סאמעט־ווייסער זייד. אין איהר גרעסטען כעס, ווען איהרע אויגען פלעגען א שאס טאן מיט ברענענדיגען האס אויף איהם, אז ס'האט איהם געדאכט, אז אליין ארום איהם צופלאמט זיך מיט רויטע, ציגעלדיגע פייערלאך, איז גענוג געווען זיינע בליקען זאלען מיט אמאל פאלען אויף איהרע פינגער, וועלכע פלעגען דאן נערוועז ארומטאנצען ווי די פינגער פון א פידעל־קינסטלער איבער די סטרונעס, עס זאל זיך מיט אמאל ענדערען זיין בייזער געפיהל צו איהר. די לופט ארום איהם פלעגט זיך נעמען אויסלייטערען, און זיינע בליקען פלעגען אנהויבען ארומצושווימען ווי אין א ווייסען, דורכזיכטיגען נעבעל, דורך וועלכען ער האט קיין געשטאלט נישט געזעהן, נאר פינגער, זיין פרוי'ס ליבע, צארטע, ליכטיגע און שפּילעדיגע פינגער...

און א שטארקע ליבשאפט פלעגט איהם בעפאלען צו זיי... ער האט זיך מעהר נישט געקאנט צוריקהאלטען, ער פלעגט א כאפ טאן איהרע פינגער און זיי קושען, קושען, אהן אויפהער, מיט'ן גאנצען זעהנזוכט און פייער פון זיין צובראכענעם הארץ... — — —

זי, זיין פרוי, פלעגט איהם אנקוקען פערוואונדערט, ווי ער וואלט פלוצלינג פון זינען אראפגעפאלען און קוים איינגעהאלטען זי זאל זיך נישט צולאכען...

— — — — — — —

איצט, שוין א לאנגע צייט נאכ'ן גט, הייבען איהם איהרע פינגער נישט אויף צו פערפאלגען. אליין, אליין, איז שוין באלד ווי אפגעווישט געווארען פון זיין זכרון; זיין פערגאנגען אומגליקליך לעבען מיט איהר, אפילו די ווייניגע מינוטען פריידע, וואס ער האט מיט איהר געהאט. ער האט שוין, דאכט זיך, באלד פערגעסען ווי זי האט אויסגעזעהן. איהרע פינגער אבער שוועבען פאר זיין געדאנק, ווי אויסגעקריצטע אויף ווייסען מארמאר... שווימען ארום ביי זיין יעדער בעגעגעניש מיט א פרוי, צו וועלכער ער וויל זיך דערנעהנטערען, ווערען אינטים, און אפשר חתונה האבען.

אט קאן ער א פרוי, וועלכע איז איהם זעהר געפעלען: א זיס, ליבליך־פנים מיט שעהנע געזיכטסצי־[illegible] פיגור. אזא אינטעליגענטע ליבער גאנג, און אין איר אלגעמיין אן אינטערעסאנטע פרוי, וועלכע שיינט צו האבען א גוטע, עהרליכע נאטורע, צו דעם אלעמען איז זי א שטילע, א בעשיידענע. אזא פרוי קאן מען ליב האבען, און מען קען מיט איהר גליקליך זיין. זי וועט איהם פארויסהיילען זיינע אלטע וואונדען. ער קאן נאך מיט איהר האבען עטליכע גליקליכע און גוטע יאהרען...

ער איז שוין פערטיג זיך איהר צו ערקלערען אין ליבע, דערציילען איהר, וואס פאר א גוטען איינדרוק זי האט אויף איהם געמאכט, אז ער שעצט אפ איהרע מעלות אויף אזוי פיל, אז ער איז בערייט מיט איהר חתונה צו האבען. ער ווייסט, אז זי ווארט אויף אט דער ערקלערונג, ווייל ער האט זיך איבערצייגט, אז זי האט איהם אויך ליב. עס פעהלט בלויז דאס ווארט, די פערשטענדניש, און עס הויבט זיך פאר איהם אן א ניי לעבען...

ס'מויל עפענט זיך, זיינע ליפען נעמען עפעס מורמלען... מיט אמאל פאלען זיינע בליקען אויף איהרע פינגער, וועלכע זי האט צופעליג א הויב געטאן פאר זיינע אויגען ווי מיט זיי איהם א גלעט צו טון... ער ציטערט שטיל אויף... די ווערטער בלייבען איהם שטעקען אין האלז, ווי ער וואלט זיך מיט עפיס א ווארג געמוטן...

ער דערזעהט פאר זיך פינגער... קורצינקע, פעטינקע, פוכ'ג־אויפגעבלאזענע, און וועלכע עס קנייטשען זיך אזעלכע דינע, ווי פון זשאווער־איינגעגעסענע רינגעלעך... נעגעל ברייט־שפּיציגע... און ס'ווערט איהם מיט אמאל אזוי אונהיימליך אויפ'ן הארצען... ער זעהט נישט מעהר איהר שעהנעם פנים, איהר רייצענדע פיגור; ער זעהט בלויז איהרע פינגער, וועלכע רעגירען איהם, שלאגען אזוי פריקרע אויף זיין געפיהל...

גלייכצייטיג שווימען פאר איהם ארויס יענעס, דער געוועזענערס פינגער... שווימען ארום פון זייטע, בעהאלטענע [illegible], ווי בעזונדערע אברים פון א גוף, וואס איז צו איהם אמאל געווען אזוי נאהענט, אבער איז שוין לאנג, לאנג פאר איהם זיי געשטארבען, און פערבליבען זענען איהם פאר אנאנדענקען איהרע פינגער, איהרע ליכטיגע, בשׂמ'דיגע פרויען־פינגער...

קליינע נייעס פון דער גרויסער וועלט

לויט דער סטאטיסטיק ווערט אין אמעריקא א קינד געבוירען יעדע 23 סעקונדען. יעדעס יאהר פערגרעסערט זיך די בעפעלקערונג פון לאנד מיט 1 מיליאן און 400 טויזענד נפשות. אין 1930 וועט דאס לאנד האבען דרייסיג מאל אזוי פיל מענשען ווי עס זענען געווען אין יאהר 1790.

* * *

איבער די גאסען פון טשיקאגא האט מען נישט לאנג צוריק איבערגעפיהרט אנדערהאלבען מיליאן דאלאר אין גאלד און ווערט פאפירען. געפיהרט האט מען עס פון איין באנק אין א צווייטער. צוועלף געפאנצערטע אויטאס האט מען פאר דעם צוועק געברויכט. 92 פאליציאנטען און 80 בעוואפענטע וועכטער האבען דאס געלד אפגעהיט. יעדער קינא־פאטאגראף וואס האט געוואלט אראפנעמען בילדער פון דעם, ווי אזוי מען האט דאס געלד געפיהרט איז פריהער בעזוכט געווארען און בעטאפט געווארען, צי ער האט נישט ביי זיך קיין בעהאלטענעם געוועהר. און אין די געהיימע שענקלעך פון טשיקאגא זענען געזעסען די אונטערוועלט־העלדען און הילפלאז געקריצט מיט די ציין.

* * *

די ערד דרעהט זיך ארום דער לופט מיט א שנעלקייט פון 200 מייל א סעקונדע.

* * *

אנשטאט באנדאזשען פון ליינוואנט מאכט מען איצט באנדאזשען פון האלץ־פאפיר.

* * *

מען קען איצט צושפּעפּען אן עלעקטרישע מאשינדעל צום וואסער־רעהר, וואס ריינעגט דאס וואסער אזוי שנעל ווי עס פליסט.

* * *

מעהר ווי 100 כעמישע שטאפען [illegible] צו מאכען איין אויטאמאביל.

* * *

צו בעשיצען זיך געגען אומגליקספאלען, טראגען איצט באנארבייטער ביי די וועסטען איבערמאנטלען אויסמאכירט אין קעסטלעך.

* * *

אויב דאס פענסטער איז אפען און מען דארף זיך צו קאלט ארויסצוקריכען פון בעט עס צוצומאכען, איז דערפונדען געווארען א זייגער, וואס מאכט צו דאס פענסטער א האלבע שעה איידער איהר שטעהט אויף.

* * *

עס איז דערפונדען געווארען א מאשינקע, וואס צושניידט און וויקעלט איין 100 דעצעליך ברויט א שעה.

* * *

אין בערלין בויט מען איצט הייזער מיט ווענט פון שטרוי, וואס קאן קיינמאל זיך נישט אנצינדען.

* * *

עס איז דא א פלאנצונג מיטן נאמען „קאלאדיום" וואס האט בלעטער 5 פוס ברייט.

* * *

עס קאסט די פעראייניגטע שטאטען 6,000,000 דאלאר א יאהר פאר אנפיהרען איהר ביורא פאר פערבלאנדשעטע בריוו.

* * *

א שווייצארישער דערפינדער האט דערפונדען א ראדיא־מאשינקע, וואס עפענט אליין א גאראזש טיר.

* * *

כדי צו מאכען דאס אייז זאל אויסזעהן שעהן, האט מען אין לייק פלאסיד, נ. י. איינגעזעצט פערשידענע קאלירטע עלעקטרישע לעמפלעך אינ'ם אייז און זיי ברענען ביי נאכט.

Dr. med Gzegorz Rozenberg
ספּעציאל־ארצט פאר מאגען, קישקע, לעבער
און אינערליכע קראנקהייטען
Gdańska 44 (דלוגא) tel.224-44
נעהמט אן פון 11.15—12.30 און פון 6 — 8 אוו.

שמערצען — א סיגנאל פון דער נאטור

וועגען דער בעדייטונג פון שמערצען פאר'ן מענשליכען קערפער — פון דר. ס. קלארמאן.

זעהר ווייניג מענשען קאנען זיך בערימען, אז זיי האבען נישט געהאט ערגיץ-וואו שמערצען. מ'האט דאך גאר קיין מענש נישט געווען, ווען מ'זאל נישט אמאל ליידען פון בויך-ווערטאג, קאפ-ווערטאג, צאהן-שמערצען און גלאט אזוי הארץ-ווערטאג.

די נאטור האט אפנים, ווי מיט אבזיכט, כדי אויפצוהאלטען און בעווארענען די עקזיסטענץ פון דעם איינצעלנעם מענשען, אזוי יוצא ווי דעם כלל, די ראסע, — בעשאפען א בעזונדער ספעציעלען געפיהל, וואס דריקט זיך אויס אין שמערצען.

אין פלוג קאן אפילו אט דער געדאנק א היבש ביסעל קשה זיין, סטייטש, היתכן ווי אזוי קאן זיך דאס שיקען, אז שמערצען, וואס זענען דאך אין תוך א ליידעניש זאל נאר דינען אלס א מיטעל אויפצוהאלטען דעם מענש? אבער עס אזוי. מחמת שמערצען פאר זיך אליין איז קיין קראנקהייט נישט. דאס איז נאר א סיגנאל, א סימן, אז עפיס איז נישט גלאט, אז עס מוז עפעס זיין דער מעהר מיט אונזער געזונט-צושטאנד. דער געפיהל פון שמערצען בעשאפט ביי אונז א שטארקען פערלאנג, אז דער אבר, וואס איז קאליע געווארען און מאכט אן די צרות פון שמערצען, זאל היילען אן א וועג ווי אזוי אויסצומיידען און פטור צו ווערען פון די קערפערליכע ליידען. דעריבער דארפען מיר בעטראכטען, אזדער תכלית פון שמערצען איז פאר דעם מענשענ'ס טובה וועגען. דאס, פערשטעהט זיך, מיינט בשום אופן נישט, אז מיר דארפען זיי אנגעהמען פאר ליב און זאגען „גם זו לטובה". און נאר-נישט מוז זיי צו לינדערען. אדרבא, עס מיינט גיכער, אז זיי געבען אייך א קאפיטלער אנצוהערעניש, אז מ'זאל עפיס זעהן פערריכטען דעם קאליע געווארענעם אבר. ווען נישט די שמערצען, וואלט מען דאך אפילו נישט געוואוסט פון בשכבו ובקומו, מ'וואלט גאר קיין שום ידיעה נישט געהאט, אז מ'איז קראנק און דערווייל וואלט פערקראכען אין אלף השישי אריין און מ'וואלט אפשר שוין נישט געווען בכוח פון איהר פטור צו ווערען. מוז מען דעריבער בעטראכטען שמערצען ווי א געטרייען וואכמאן, וואס היט אונז אפ פון אמת'ע צרות. ווארים הינטער דעם רוקען פון כל-ערליי שמערצען ליגען בע-האלטען כמעט שטענדיג זעהר וויכטיגע צושטערונגען און אפווייכונגען פון דעם נארמאלען געזונד-צושטאנד.

די מעדיסטע בעקאנטע אורזאכען פון שמערצען זענען פערלעצונגען און אנצינדונגען, וועלכע זענען פאלגען פון אונזער הויכען גראד פון ציוויליזאציע. וואס שטייגער וואלטען מיר געהאלטען אין דער וועלט מיט דעם זעהר גוט בעקאנטען אפענדיציט, ווען עס וואלטען דערביי קיין שמערצען נישט געווען? איך מיין, אז אפשר ניין-און-ניינציג פראצענט פון די, וואס ווערען דערפון אטאקירט, וואלטען געווארען מתים אידער מ'וואלט דערגאנגען די אמת'ע סיבה פון זייער טויט. דאס זעלבע וואלט מן הסתם פאסירט מיט שווערע הארץ-קראנקהייטען וכדומה. שטארקע מוסקולערע אנשטרענגונגען, רופען ביי אונז ארויס שמערצען אין לייב אדער קאפ-שמערצען, וואס דערמאנען אונז, אז ס'איז צייט צו רוהען אדער כאטש אמוועניגסטענס לייכטער צו ארבייטען. געוויסע נערוועזע קראנקהייטען, ווי היסטעריע, און נעווראסטעניע, געהען צוזאמען מיט שמערצען אין געוויסע אברים.

אבער נישט אלע קראנקהייטען געהען צוזאמען מיט די זעלבען גראד שמערצען. פערשטעהט זיך, פערהאן פערשידענע מדרגות. א סך מאל זענען זיי אזוי אומבעדייטענד, אז זיי זענען ווערטלאז פון דיאגנאסטישען שטאנדפונקט. דאס מיינט, מ'קאן זיך נישט פערלאזען אויף זיי צו וויסען וואו אייגענטליך די הויפט צרה פון א קראנקהייט שטעקט. צום ביישפיל, ס'איז א בעוואוסטע זאך, אז פרויען קאנען פערטראגען ווערטאגען פיל לייכטער ווי מענער, ווייל זייערע נערווען, אין דער הינזיכט פון אויפנעהמען שמערצען, זענען נישט אזוי שארף ווי ביי די מענער. אייך אלטע מענשען זענען שטומפיגער צום שמערץ-געפיהל, ווי יונגע לייט. פערשידענע ראסען זענען אויך נישט גלייך אין דער פעהיגקייט אויפצונעהמען שמערצען. די לאטיינישע ראסע איז מעהר געפיהלפול צו שמערצען, ווי אנגלא-זאקסען. אבגעגעזשע, די אזיאטישע פעלקער קאנען פערטראגען שארפע שמערצען און זיך נישט בעקלאגען.

מ'שאצט געוועהנליך, אז ניינציג פראצענט פון קראנקהייטען הויבען זיך אן, אדער געהען צוזאמען, אין פערלויף פון א קראנקהייט מיט ווערטאגען. ווען שמערצען זענען די איין-און-איינציגע, איז דאס א סימן פון סכנה. אין פערבינדונג מיט נאך אנדערע סימפטאמען ווייזען שמערצען מייסטענס אן, וואו דער הונט ליגט בעגראבען. וועלכער אבר, הייסט עס, איז נישט מיט אלעמען, וואס פערארזאכט די שמערצען. א סך מאל זענען שמערצען א וויכטיגער אנצייגער אויף דעם כאראקטער פון א קראנקהייט אזוי אז אנדערש מאל ווידער שפילען זיי, ליידער, א קנאפע ראל אין מאכען שווער די דערקענונג פון א קראנקהייט. אין אלגעמיין אבער קאן מען זאגען, אז שמערצען זענען די שפראך פון קראנקהייטען, כאטש אויסנאהמען זענען געוויס פערהאן.

עס זענען דא צוויי סארטען שמערצען: דירעקטע און אומדירעקטע.

ווי איך האב שוין פריהער דערמאנט, זענען שמערצען אליין פאר זיך קיין קראנקהייט נישט. די געהירען בעקומען א ידיעה וועגען א געשעדיגטען אבר דורך די נערווען, וואס ציהען זיך פון איהם צו דער צענטראלער סטאנציע אין מח. און לעצטער פערטייטשט דאס אזוי קדע משטייגער פון שמערצען. עס טרעפט פיל מאל, אז די געהירען מאכען א טעות אין חשבון (די דערקלערונג דערפון איז א פערוויקעלטע און נישט דא אין דארט ארט דעם ענין קלאר צו מאכען), ער איז מבולבל און ווייסט נישט אקוראט וועלכער אבר איז געשעדיגט, און דעריבער זענען דעמאלט די שמערצען נישט דארט, וואו די ריכטיגע צרה געפינט זיך, נאר גאר ערגיץ אנדערש. דער גוטער יאהר ווייסט וואו. אין פאל זענען די שמערצען אומדירעקט. דער אומגליק האט געטראפען אין הארצען און ווערטאגען האט מען גאר אין קלאצע. עס פאסירט אמאל, א שטייגער, אז נאכדעם ווי מען עסט אפ א גוטע פארציע לאדעס, זאל גאר אנהויבען וועה טון דער שטערן, די אויפרעגונג, וואס דער מאגען האט בעקומען פון קאלטע לאדעס, האט דאס איבערגעגעבען דורך דער נערווען-פערבינדונג, און די פערטייטשונג דערפון, — די שמערצען — ערשיינען נאר אין קאפ. די שמערצען פון אפענדיציט קאנען אמאל זיין אמ'שטארקסטען אין אונטערשטען טייל פון רוקען אדער אפילו אין רעכטען פוס. דער גרעסטער טייל פון שמערצען זענען אבער דאך דירעקט. זיי זענען טאקע לאקאליזירט אויף דעם ארט, וואו דער אבר איז בעשעדיגט.

אזוי, א שטייגער זענען די שמערצען פון אומפערדייטער שפייז א ווארנונג געגען אומגעזונטע מאכלים אדער פון צו-שנעל, נישט צוקייטען עסען, קאפ-שמערצען זענען אפט א פראטעסט געגען איבעריעסען זיך. קאפ-שמערצען קאן אויך זיין פון א גאנץ ערנסטען כאראקטער. עס קאן קומען פון א געוואוקס אין מארך אדער פון זעהר שטארקער בלוט-ארימקייט.

ליידער איז די מדרגה פון שמערצען נישט תמיד אין גלייכען איינקלאנג מיט דער ערנסטקייט פון א קראנקהייט. געוויסע שווערע הארץ-און-נירען-קראנקהייטען קומען אפט פאר מיט זעהר ווייניג און, מערסטענטייל, אפילו לחלוטין אהן שמערצען. אין פאלען פון טובערקולאז זענען אויך פערהאן בלויז לייכטע שמערצען.

אויף נאך איין וויכטיגער זאך וויל איך אויפמערקזאם מאכען. א סך מאל בעט זיך א חולה, מ'זאל איהם דער עיקר בעפרייען פון שמערצען. אפטמאל איז אזא צוליב טון א גרויסע רעה, אמת, מען ווערט בעפרידיגט, וואס די שמערצען האבען אויפגעהערט, די קראנקהייט איז אבער דערפון נישט געהיילט געווארען. זי געהט זיך אן שטילערהייט און טוט איהר זאך ערנסט צו רואינירען דאס גאנצע געזונט. עס האט שוין נישט איינמאל געטראפען, אז דער אפענדיקס האט געפלאצט, דערפאר וואס מען האט דעם חולה געשטילט די שמערצען. אויסנאהמען זענען דאך פערהאן. אין פאל פון א שטארקער אטאקע פון גאל אדער נירען-שטיינער מוז מען דערווייל שטילען די שמערצען נאך איידער מ'היילט די קראנקהייט, ווייל אין אזא פאל זענען די שמערצען אומערטרעגליך, און די דערוויילינע בערוהיגונג קאן נישט שטערן אין וועג פון דער ריכטיגער מעדיצינישער בעהאנדלונג.

דער גרויסער אינזשיניערישער וואונדער

אינטערעסאנטע פאקטען וועגען דעם פאנאמא-קאנאל

גענומען בויען דעם פאנאמא-קאנאל, וואס צעטיילט צפון פון זיד-אמעריקא האט מען 26 יאהר צוריק. די ארבייט האט געדויערט 10 יאהר צייט. געעפענט האט ער זיך, אלזא, מיט 16 יאהר צוריק.

עס האט זיך געפאדערט איבערמענשליכע כוחות, אויפצובויען דעם קאנאל. דער דערפאלג איז אן אינזשענערישער וואונדער. מיט יאהרען צוריק איז יענער פלאץ געווען זעהר א ווילדער. א פערלאזענער, עס זענען דא לעגענדעס אין פאנאמא, אז אויף יענעם פלאץ איז די וועלדער דארט האבען זיך געפונען אמאל ווילדע בעשעפענישען. מאנסטערס אוינע, שרעקליכע חיות, וועלכע לאזען קיינעם נישט צו, און היינט איז דאס א גרויסער פרייער וועג, וואס פעראייניגט צוויי וועלט טיילען.

מען האט אפט ליב צו רעדען וועגען אמאליגע העלדישע צייטען. מען האט אפט ליב צו זאגען, אז אמאל זענען געווען העלדען. אבער אין איצטיגע צייטען ווערען בעוויזען גרעסערע העלדישקייטען ווי אמאל. דער אויפבוי פון דעם פאנאמא-קאנאל איז איינע פון די היינטיגע העלדישקייטען.

אין דעם ערשטען יאהר, ווען מען האט זיך דורכגעריסען דורך די וועלדער, זענען איבער הונדערט ארבייטער געטויט געווארען פון גיפטיגע שלאנגען. די ווילדעניש האט אלעמען ארומגערינגעלט מיט איהר שרעק און מיט איהר כוח.

אין יאהר 1882 האט א פראנצויזישע קאמפאניע, אונטער דער אנפיהרונג פון אן אינזשעניער, וואס האט פריהער געהאט געארבייט ביי דעם סועץ-קאנאל, גענומען ארבייטען אין דער געגענט, וואו עס איז איצט דער קאנאל. אבער ארום יענער אפערע איז פארגעקומען א סך שווינדעל. פון דער גאנצער געשיכטע איז דאן גארנישט געווארען. מענשען זענען אויסגעשטארבען פון פיבער, פון שלאנגען, פון שלעכט וואסער און די מאשינען זענען געבליבען שטיין פערלאזט צו ווערען. די גאנצע אונטערנעהמונג איז בענקראט געגאנגען. עס האט אויסגעקוקט, אז די שלאנגען, די איינוואוינער פון דער ווילדעניש, האבען געזיגט. אין 1903, ווען אן אמעריקאנער באהן האט שוין געהאט דורכגעשניטען א גרויסע שטרעקע פון דער ווילדעניש, האט מען נאך געקענט זעהן די איבערבלייבענישען פון דער פערראסטעטער מאשינעריע פון דער פראנצויזישער קאמפאניע.

אונטער רוזוועלט'ס אדמיניסטראציע האט זיך אנגעהויבען די ארבייט. אין יאהר 1902 האט דער קאנגרעס געגעבען רוזוועלט'ן דאס רעכט צו בעצאהלען 49 מיליאן פאר דעם פראנצויזישען אייגענטום אין יענער געגענט און צו בעקומען פון קאלאמביא א שטיק לאנד וואס איז נויטיג פאר דער גראבונג פון דעם קאנאל.

דריי יאהר האט געדויערט די צוגרייטונגס-ארבייט. די פראנצויזישע שטאטען האבען קודם-כל גענומען מאכען יענעם פלאץ פאסיג פאר מענשען צו געפינען זיך. מען האט געדארפט פערטרייבען די אינזעקטען, די מאסקיטאס, די שלאנגען, כדי ארבייטער זאלען דארט קאנען לעבען. מ'האט פון דארט געדארפט פערטרייבען דעם געלען פיבער און מאלאריע. נאהענט צו 10 מיליאן דאלאר האט אפגעקאסט די דאזיגע ארבייט אליין. מען האט דארט אויסגעגאסען איבער 600 טויזענד ליטער אויל און קארבאל-וואסער, כדי צו פערניכטען די נעסטען פון די מיליארדען גיפטיגע פליעגען. מען האט דארטען געדארפט ברענגען וואסער צום טרינקען און שפייז. מען האט געדארפט פערטרייבען ראצען וואס האבען פערשפרייט מגפות. דאס אליין איז געווען א מערקווירדיגע העלדישקייט. אבער דער מענש האט געזיגט. און דאס קען פערדעכנט ווערען פאר איינעם פון די גרעסטע זיגען אין דער מענשליכער געשיכטע. פון די קאנאל זענען נאך דאן נישט געווען די פאמעלעצטע מאשינען, וואס מיר האבען איצט. אבער פונדעסטוועגען האט מען שוין געהאט גוטע מאשינען. דזשאן וואלאס איז געווען דער הויפט-אינזשעניער און גאטהאלס איז געווען דער הויפט-פערוואלטער פון דער גאנצער ארבייט.

אין אמעריקא פלעגט מען דאן לייענען מיט דער גרעסטער אויפמערקזאמקייט, וואס עס טוט זיך ביי פאנאמא. וויפיל מענשען עס זענען דארט קראנק געווארען אין דער לעצטער וואך; וויפיל מאשינען מען האט אהין אוועקגעשיקט; וויפיל ערד מען האט שוין אויסגעגראבען.

דעם 15-טען אויגוסט פון יאהר 1914 האט פרעזידענט ווילסאן געעפענט דעם פאנאמא-קאנאל. דאס איז געווען ביי דעם אנפאנג פון דער וועלט-מלחמה.

עס זענען געווען מענשען, וועלכע האבען קריטיקירט די ארבייט און זיי האבען געזאגט, אז די אונטערנעהמונג וועט זיך נישט בעצאהלען. אין דעם ערשטען יאהר איז טאקע נישט געווען אזוי גלענצענד, אבער דערנאך האט זיך אליין געהויבען און ס'איז געווארען א גרויסער דערפאלג. פאנאמא-קאנאל האט איבערגעיאגט דעם סועץ-קאנאל אין לעצטען יאהר זענען דורך דעם סועץ - קאנאל דורכגעגאנגען עטוואס איבער זעקס טויזענד שיפען און דורך דעם פאנאמא-קאנאל

אמעריקא האט פריער אפגעאטעמט דורך דעם קאנאל. עס האט געבראכט דערנעהנטערונג צווישען פעלקער און עס האט שטארק פערברייטערט דעם האנדעל צווישען פעלקער.

א קראנץ פערל פון תלמוד און מדרש

נאך א מענשען, וואס די מאכט האט אויסגעפיהרט א טויט-אורטייל, מאכט מען נישט קיין הספד. [סוטה מ"ח]

* * *

דו זאלסט קיינמאל נישט אורטיילען א מענשען
ביז דו אליין וועסט נישט זיין אין זיין מצב
[אבות פ"ג]

* * *

זיי נישט צופעסט איבער זיך אליין, ווייל דו ווייסט נישט וואס דער שפעטער אווענד קאן נאך ברענגען. [אבות פ"ב]

* * *

וואו ס'איז נישטא קיין תורה, איז נישטא קיין דרך-ארץ און וואו ס'איז נישטא קיין דרך-ארץ, איז נישטא קיין - תורה [אבות פ"ג]

* * *

עס מיינט, אז איינער איז א גרויסער מבוז אויף פערל און האט קיין ברויט נישט צו עסען. [ירוש' ביכורים פ"ג]

* * *

ווען א ייד האט פאר זיך צו עסען כשר און טריפה, וועט ער קיינמאל נישט בעטיגען דאס כשר'ה און עסען דאס טריפה. [חולין ד.]

* * *

וואו עס קומען אפט פאר הזקות, וועט מען זיך נישט פערלאזען אויף קיין ניסים. [קידושין ל"ט]

* * *

ווען דאס קינד דאך נאך ביי דער מוטער אין בויך, איז איהם דאס מזל פערשטאפט און דער אבעל איז אפען דורך וועלכען ער שפייזט זיך פון זעלביגען, וואס די מוטער עסט. אבער ווי ער ווערט געבוירען, ווערט דאס אפענע ארט פערשטאפט און דאס פער שטאפטע איז — אפען. [נדרים ל.]

* * *

וועגען א זאך, וואס דו האסט געהערט און שפעטער בע געבען, זאלסטו נישט זאגען: איך ווייס דאס נישט, ווייל איך האב דאס נישט געהערט, נאר זאלסט זאגען: איך האב דאס געהערט און האב פערגעסען. [ספרא פ. שמיני].

* * *

האסטו געגעבען צו זיבען
גיב אויך דעם אכטען
דו ווייסט נישט וואס פאר א שלעכטע צייטען
קאנען אויף דיר בעפאלען;
[קהלת יא"ב].

* * *

אז מ'בעצאהלט נישט פינקטליך דעם טאגארבייטער זיין שכירות, איז גלייך ווי מ'וואלט איהם דאס לעבען אוועקגענומען. [ב"מ קי"ב]

* * *

דעם שרייבער איז תמיד ערגער ווי דעם אויף וועמען מ'שרייט. [ב"ק צ"ג].

* * *

דער וואס ווארט אויפ'ן ווינט
דער וועט קיינמאל נישט זייען
און ווער עס קוקט אין די וואלקענס
דער וועט קיינמאל נישט שניידען.
קהלת י"א ד.].

* * *

די ווארקונג פון יעדע סיבה איז — די פרוי.
[דערפון געוויס נעמט זיך דאס פראנצויזישע ווער-ט"ר פ"ז.]

טעל: „Cherchez la femme"

געזאמעלט דורך:
אברהם שלעזינגער

הומאר — **סאטירע**

דער קונדרס

צוזאמענגעשטעלט דורך א. שארפצינגעל

פאליטיק פון דער וואך

א קעניג, א קעניג!

מזל-טוב! ענדליך געקריגט א קעניג. וואסער גליק פאר"ן עם איז אדורך איבער דער וועלט, ווען מען האט דערהערט, אז קארל איז געווארן קעניג און האט אנגעטאן די קרוין.

די וועלט האט דאך שוין אזוי שטארק געלעכצט נאך א קעניג, ממש ווי א דורשטיגער נאך א טרינק וואסער.

אויסער דעם דרעהען זיך דאך איצט אזוי פיל קרוינען אין דער וועלט נישט ווייניג אזעלכע קארלס, וועלכע קוקען זיך אויס די אויגען נאך דער קרוין.

אוי, וואלט זיי נעבאך א שטיקעלע קרוין.

איצט האט פאר די זעלבע א שייגעץ א שטראל פון האפנונג: אויב קארל, האט שוין זוכה-געווען צו דער קרוין, איז דאך מעגליך ביי אנדערע אויך דאס זעלבע.

קארלס קרוין האט אויפגעוועקט שוין באלד איינגעשלאפענע קרוין-טרוימערס.

די קרוין רייצט נאך.

ער קאן נישט פערטראגען

הער האט זיך צוקריגט מיט סעמי'ן, א ווארט פאר א ווארט האט ער אים דערלאנגט א פאטש.

סעם: זאג מיר איז דאס געווען א שפאס, אדער ערנסט?

הער: דאס איז געווען ערנסט.

סעם: אזוי איז עפּיס אנדעריש, ווייל אזעלכע שפאסען קאן איך נישט פערטראגען.

ניין!

ווייב: — יעדער קען מיינען, אז איך בין דא אין הויז נישט מעהר ווי א קעכין.

מאן: — נישט נאכדעם ווי מען עסט ביי דיר א מאהלצייט.

א חוב

איך האב נישט קיין צייט צו קומען אלע טאג דיך מאהנען די צעהן זלאטעס, וואס איך האב דיר געבארגט. איך בין א בעשעפטיגטער מענש.

— טא קום איצט מאהנען אלע שבת, דו האנדעלסט דאך נישט שבת.

א פערקערפערונג פון פרויען-יוגענד

עס איז געווען פארנאכט. אין מיין צימער האט געשוועבט א פארנאכטיגע, פערדרימלטע האלב-טונקעלקייט. און איך בין געזעסען א פערטרוימטער און געלעכצט... נו, אלהר קענט זיך דאך שוין אנשטויסען וועגען וואס עס טרוימט און לעכצט א בחור'ל פון א יאהר דריי און צוואנציג...

האט געקלונגען דער טיר גלעקעל. איך האב די טיר געעפענט... א פרייליין, די פערקערפערונג פון יוגענד איז שטעהן מיט ווידער זונגען, איז געשטאנען פאר מיר איך בין געבליבען שטעהן מיט א פערכאפטען אטעם...

מיט א קלינגענדער שטימע האט די בליהענדע שעהנהייט געפרעגט אויף מיין מוטער. איך בין אוועקגעלאפען רופען מיין מוטער.

— מוטער — האב איך געזאגט מיט א פערציטערטער שטימע — מוטער, אין צימער וויל דיך זעהן.

און איך בין פערשעמט געווארען.

— וואס איז? וואס פלאטשט אויף דיר אזוי דיין פנים?

די מוטער איז אריין אין עמפפאנגס-צימער און ווער עס איז געקומען. איך בין מיין מוטער נאכגעגאנגען און אפילו פון דער ווייטען געבליבען שטעהן ווי א בעצויבערטער.

דער גאסט האט מיין מוטער ביי אלהר נאמען אנגערופען. און מיין מוטער האט אויך דעם גאסט אנגערופען... און... אה, פינסטער איז מיר געווארען אין די אויגען... די מוטער האט אלהר גערופען מאדעם.

„פערהייראט שוין" — האט מיר א שטאך געטאן אין הארצען.

און מיין מוטער פרעגט:

— וואס מאכען אייערע קינדערלעך?

„שוין קינדער איך דא" — טראכט איך און אויף מיין הארצען ווערט מיר שווערער און וואבעדיגער.

א דאנק... זעהר פיין, ענטפערט דער גאסט.

— און אייערע גערא[טענע] צוויי טייערע אייניקלאך? — פרעגט די מוטער.

— „וואס"! — האב איך כמעט ווי אין דער הויך אויפגעשריגען.

און די יפה-פערקערפערונג פון יוגענד האט געענטפערט מיט התלהבות לויבען איהרע אייניקלעך.

איך האב האסטיג ליכטיג געמאכט אין צימער... איך האב זיך מיט מיינע בליקען איינגעגעסען אין דעם גאסט... אנשטאט א געזיכט האב איך איצט געזעהן שוואַרצע פארב... און שמינקע רויטע פארב, שווארצע פארב, גאלדיג-בלאנדע פארב... און לאבענדיג פון זיך אליין, בין איך צוריק אין מיין צימער אנטלאפען, און מיר האט זיך מעהר נישט געחלומט און נישט געלעכצט...

אוי-ווויי, א קעניג!

(וואר-קלאנגען)

גאט פערלאזט נישט ס'פאלק ישראל,
און רומעניען שלאפט נישט אויך —
ס'איז א לענדעל מיט אמביציעס,
מיט א מעס און מיט — געזוך...

ראמאנעשטען בוקארעשטי,
מיט סטודענטלעך און יאס,
וועלכע מאכען פאגראמעשטי —
קוזא-פאליטיק 'בלע"ז..!

ס'איז א טייערע מדינה
זאט מיט וויין און ווייב און טאנץ,
אפגעהיט מיט אלעם גוטען,
אפגעוואכט פון ס'גרענץ...

און אצינד צוריק געשטעמען
אין זיין ליבען לאנד אריין
דער בן סוהרה, דער בן מורה —
ס'קארליקעל — א מלך זיין...

אפגעשפילט זיך מיט זיין „אסתר",
מיט'ן ביסעל יודיש גליק —
און צו „ושתיין" און די איעס
לויפט דאס קארל'כען צוריק...

„ס'קאפעלישל" ביי זיין מעכל,
ביי זיין מיכאלקע גאר קליין,
האט אראפגעכאפט דער מלך
און עס אנגעטאן אליין...

איצטער הויבט ער אן רעגירען
אויף זיין היכען מלכות-טראָן,
און וועט אלע אונז בעווייזען,
וואס ער יכולט, וואס ער קאן...

אבער איין זאך ווייס איך זיכער:
אבעמען מיט ושתי'ס לויפט...
נאך „אנאסתרקע" א שיינע —
קיינער זאל נישט זיין געפרובט...

יאקעל בן פלעקעל.

א פענסיאנאט-רעקלאמע

א מיטעל אריינצוציהען פענסיאנערקעס.

מיר קרוינען א קעניג

דער „קונדרס" האט בעשלאסען צו קרוינען א קעניג, וואס איז רומעניען מעהר מיוחס ווי די „קונדרס"-מלוכה?

דער רומענישער קרוין-פרינץ האט א יודישע געליבטע. האט דער קונדסטישער קרוין-פרינץ א קריסטליכע געליבטע; דער רומענישער קרוין-פרינץ האט אוועקגעווארפען זיין ווייב, דער קונדיסטישער קרוין-פרינץ האט אוועקגעווארפען צוויי צו גאר דריי ווייבער; דער רומענישער קרוין-פרינץ איז אנטלאפען פון זיין לאנד און קונדיסטישער קרוין-פרינץ וויל גאר נישט אנטלויפען. דאס איז נאך ערגער; דער רומענישער קרוין-פרינץ האט ליב א לעבּ צו מאַכן מיט פרעמדע ווייבלעך און דער קונדיסטישער קרוין-פרינץ האט אויך דאס זעלבע ליב.

טא פאר וואס קומט דאס אונזער קרוין-פרינץ נישט קיין קרוין?

בכן האבען מיר בעשלאסען צו קרוינען אונזער קרוין-פרינץ און איינגעטיילט פאר דער קרוינונג פאלגענדע כבודים:

מיט'ן אונטער-פיהרען צום טראן האבען מיר מכבד געווען דער קהלה-פרעזעס ר' לייבּל מינצבערג מיט דער ו.י.ז.א. אורטע פרוי רעזניק; מיט'ן בעזעצען אויפ'ן טראן האבען מיר מכבד געווען דעם דעפּ. ראזענבלאט מיט'ן ד"ר שוויג; מיט'ן אונטערטראגען די קרוין, האבען מיר מכבד געווען די פרנסים ליכטענשטיין און האלענדערסקי מיט'ן ארויפזעצען די קרוין אויפ'ן קאפ האבען מיר מכבד געווען דעם סען. בודזינער מיט'ן פרנס בעגער; מיט'ן בעשיטען מיט זיסקייטען, האבען מיר מכבד געווען דעם פרנס לייביש ראזענבערג מיט'ן ראטמ. ביאלער. מיט'ן צוריקבאפיהרען פון טראן האבען מיר נאך דערווייל נישט, ביי אונז איז שטאט ועמען מכבד צו זיין.

זוכען מיר דערווייל קאנדידאטלעך.

זי ווייסט פארוואס

מאן [אהיימקומענדיג]: נישט קיין בעסער פלאץ ווי אין דער היים.

ווייב: אהא, מסתמא האסטו א סך פערלוירען אין קארטען.

א מיטעל
— אויף —
אפקיהלען זיך

ווער עס וויל זיך אפקיהלען אין די גרויסע היצען, קאן פריינגעהן אין ערשטען בעסטען געשעפט, זיך אוועקזעצען און אפקיהלען זיך. עס איז דארט שטיל לופטיג און לייריג.

דאס אפקיהלען איז געזיכערט

ווייל פון די קאסעס בלאזען קאלטע ווינטען.

סוחרים-פעראיין.

וויכטיג

פאר מיינע בעקאנטע פרויען און מיידלעך

איך בין מודיע, אז

מיין ווייב איז שוין אוועקגעפאהרען

איך בין שוין אליין.

א „שטרויענער אלמן".

פרייער בעלעמער

חשוב'ער „קונדרס"!

ערלויבט מיר אויף די שפאלטען פון „קונדרס" צו פערעפענטליכען די רעוועלאציעס, וואס איך האב נישט געוואלט צו דערצעהלען אויף דער זיצונג פון קהלה-ראט.

איך האב געזעהן ווי פרעזעס מינצבערג איז געפאהרען אויפ'ן טראמוויי, איינמאל זאגאר, אין אנגואיטא; מינצבערג עסט יעדען טאג מיטאג; ער וויל זיך נישט גטין מיט זיין ווייב; ער שרייבט מיט א גאלדענע פעדער; ער האט שטענדיג א ביטערע אין קעשענע; ער צאהלט זיין סטרוזש יעדע נאכט פאר עפענען טויער: ער טרינקט סאדע-וואסער מיט זאפט און יעדען שבת טרינקט ער וויין. אין נישט קיין וואונדער וואס ער פערברויכט דעם גאנצען קהלה-בודזשעט פאר אייגענע צוועקען.

פיניעס אין סענאטאר בודזינער.

באנקראטען

פון האנדעלס-געריכט

אויף דער לעצטער זיצונג פון האנדעלס-געריכט איז בעשלאסען געווארען צו ערקלערען פאר באנקראט:

1) פראפ. ווייצמאנס פאליטיק; 2) דער ענגלישער רעגירונג פאר לאזען און פראטעסט דעם ארץ-ישראל-מאנדאט; 3) דעם קהלה-ראט-פרעזעס סען. בודזינער, פאר זיין ענטלויפען גאר פרעזעס-בענקעל; 4) דער אגודה'שער קהלה-פערוואלטונג פאר נישט אויסצאהלען די סובסידיעס און; 5) דעם יתומים-פערזארגער רומקאווסקי, ווייל ער האט נאך היינטיגען זומער נישט געעפענט קיין נייעם אינטערנאט.

א גוטע אויסקונפט

ס'האט אמאל איינער געבעטען ביי א בעקאנטען, אן אויסקונפט איבער א בחור, וועלכען מ'שדכנט איהם פאר זיין בת-יחידה.

— ער איז אזוי — האט יענער געענטפערט — ווי משה-רבינו, מ'קען איהם פערגלייכען צום דיכטער היינריך היינע — בקיצור ער איז גאט אליין.

—דהיינו? — פרעגט דער מחותן.

— בערשטעהט איהר מיך — ענטפערט ווייטער יענער — משה-רבינו האט נישט געקענט רעדען „פויליש" ער קאן אויך נישט פויליש-רעדען; היינע איז נישט געווען קיין סוחר און ער איז אויך נישט קיין סוחר... גאט איז נישט קיין „מענש" איז דער דאזיגער בחור איז אויך קיין מענש נישט! —

א נאש-בראט.

דעמאקראטיע

ס'איז זעהר שווער
צו גלויבען אין
די דעמאקרא-
טישע פרינציפען,
נאך דעם ווי מען
פערזוכט א קוש
פון ליזעס וואונ-
דערבארע ליפען.
כ'ווייס גאנץ גוט
און גיב דאס צו;
כ'געה נאך ווייטער
אונטער-שטרייך:
[...]ע מיידלעכים
[...]פען זענען,
בינקט ווי אלע
מיידלעך, גלייך
כ'ווייס אויך און
איך גיב אויך צו;
כ'געה נאך ווייטער
איך באטאן:
אלע מיידלעכים
ליפען קושען
זיס, וואס זיסער
ויין נישט קאן.
און דאך איז שווער
צו בלייבען ביי
דעם גלויבען אין
אט די פרינציפען,
נאך דעם ווי מען
פערזוכט א קוש
פון ליזעס וואונ-
דערבארע ליפען.

א בעל-תכלית

מוטער: איך האב דיר געגעבען פינף גר. צו טרינקען ריציניא"ל. וואס האסטו געטאן מיט'ן געלד?

קינד: — פאר צוויי גר. האב איך זיך געקויפט שאקאלאד און דריי גר. האב איך געגעבען משה'לען ער זאל פאר מיר טרינקען ריציניא"ל.

א וויכטיגע פראגע

פרוי [צו א נייער דינסט]: — עס וועט אייך זיין ביי מיר זעהר גוט. א העלפט פון דער הויז-ארבייט טו איך אליין.

דינסט: — און די צווייטע העלפט?

דאס לעבען פון א יודישער אקטריסע

דערצעהלט פון דער בעריהמטער שוישפילערין עמיליע אדלער

געשריבען ספעציעל פאר'ן „נייעם פאלקסבלאט" פון זלמן זילבערצווייג

רעגנאך איז זי טאקע ארויסגעפאהרען מיט א געוויסען מאלינא אויף דער פראווינץ.

שפעטער זיינען מיר געגאנגען אין טעאטער שוין. איך א פאספארטורע, ווען פעליא האט געזעהען ווי א טציקט איך פון פאר טעאטער, האט זי מיר פארזעלגט אויך ארייננצוטרעטען און באר, וואו זי וועט מיך רעקאמענדירען.

איך האב צו עסטימט, עס איז מיר געפעלען, עפעס אין טעאטער געלעגע, א מערקווירדיגער ... עפעס האבען מיר די אקטיארען אויסגעזעהען ווי אנדערע מענשען, ניין, טאקע גארנישט קיין מענשען, נאר מלאכים.

און ווער וויל דאס נישט זיין קיין מלאך? קיין אונטערשייד צווישען אקטארען און כאריסטען האב איך נישט געמאכט. ווער עס איז נאר ארויסגעקומען אויף דער בינע איז שוין ביי מיר געווען א גער פון יענע אויסערוועהלטע, צו וועלכע עס האט מיך אנגעהויבען ציהען.

מיין נייע פריינדין פעליא האט מיך אויסגעפיהרט צו זיינע פעטער, ער האט מיך געפרעגט אויף פויליש:

— קאנסט זינגען שולמית?

דאס איז דעמאלט געווען דער פרובירשטיין אין אלע טרופעס. ווען איינער פלעגט וועלען אנקומען אין טעאטער, האט מען איהם באלד געשטעלט די זעלבע פראגע.

איך אבער, וואס האב אפילו קיינמאל נישט געווען „שולמית" און אפילו נישט געהערט, צי עס איז פאראן אזא פיעסע מיט אזא נאמען, בין געבליבען צומישט פון דיזע פראגע, ווייל כ'האב נישט פארשטאנען, וואס ער מיינט. אבער פעליא, וועלכע האט מיך שוין נישט געוואלט לאזען זען, האט מיך באלד ארויסגעראטעוועט פון דער אומבאקוועמער פאזיציע, זי האט מיר אונטערגעפרומט:

— די קאנסט דאך זינגען „גאט, זעה אליין נאט".

כ'האב אפגעזונגען דאס לידל.

— דאבושע (גוט) — האט ווייספעלד אבגעפסקנט, און איך בין צומול אריינגענומען געווארען אין כאר.

VI

אויס פאסטען. — איך אנטלויף פון מיין מאמע אין דער ווארשעווער טרופע. — מען שוכט זיך ווידער, איך בענק א היים. — יוליוס אדלער אלס מיין באגלייטער

אז כאריסטקע איז חעניגער יחסן פון א אקטריסע, האב איך נישט געוואוסט. אבער די אקטיארען האבען יא געוואוסט און באלד האט זיך איינער פון זיי אפגעזוכט און מיר געמאכט פארשלאגען מיט געוויסע בעדינגונגען, פאר וועלכע ער וועט מיך מאכען פאר א אקטריסע...

די טרופע האט נישט געשפילט יעדען טאג, נאר שבת און זונטאג, אזוי אז די פראבען פלעגען געמאכט ווערען נישט אינדערפריה נאר אין די אווענטען. איך האב דעריבער ווייטער געקענט ארבייטען אויף מיין פאסטען, און ווען איך פלעג דארפען אנ'אוועקגעהן פריה אויף פראבע, פלעגט מיך מיין מאמע פערטרעטען און געוועלבע, אלס בעלוינונג האב איך זי טיילמאל מיטגענומען אויף די פראבעס. די מאמע איז נישט געווען געגען אז איך זאל שפילען אין טעאטער, ווייל זי האט דאס בעטראכט אלס א שפיעלעל...

אויב קיין טעאטער האב איך נאך נישט געשפילט, האב איך זיך שוין אבער אנגעהויבען פיהרען ווי א אקטריסע: צו הוליען און צו פערברענגען. פעליא האט נישט געהאט קיין סך ארבייט מיך צוצורעדען. און איך זאל נעמען פון טיש־קעסטעל און א חשבון. מיר האבען יעדע נאכט אנגעהויבען בעזוכען קאנדיטאריען, פאהרען אין פראגער וועלדעל, שיפען און באדען זיך. פעליא האט באלד פערגרעסערט אונזער געזעלשאפט מיט איהרע צוויי קוזינקעס. איך בין געווען דער מעצענאט, פערשטעהט זיך, אלץ אויפ'ן חשבון פון טיש־קעסטעל...

אהיימגעהן פון טעאטער פלעג איך נישט אליין נאר צוזאמען מיט מיין ברודערל. דערביי האב איך געהאלטען אין דער האנט א פעקעל מיט מיין „גארדעראבע". א פאטשיל פון קאווקעס, וועלכע איך אויסגעגאנגען א גאנצע, האט אונז אמאל פערהאלטען און בעוואונדערט מיט פערדאכט געקוקט אויפ'ן פעקעל. ס'איז אבער גענוג געווען אז איך זאל זאגען „גראך אין מיין פעטער", אז דער פאטשיל זאל מיך תיכף אפלאזען.

דערווייל בין איך קראנק געווארען אויף סקארלאטין. דער בעל הבית איז געקומען מיט זיין פרוי און איבערגענומען דאס געשעפט. איניגע חדשים שפעטער, ווען איך בין געזונט געווארען און צוריקגעגאנגען אויף מיין פריהערדיגער שטעל, האב איך זיך דערוואוסט, אז פעליא פאהרט ארויס אויף דער פראווינץ אונטער דער דירעקציע פון שאראנגער און טיטעלמאן. עס האט מיך געצויגען מיט זיי מיטצופאהרען און איך האב זי געבעטען, אז זי זאל מיך דארט רעקאמענדירען. איך האב אנגעהויבען צו קומען צו פראבען. די טרופע איז בעשטאנען פון עמיליע קאניעווסקא — די פרימאדאנע, טיטעלמאן — דער ליבהאבער. שאראנגער — כאראקטער־ראלען. גלאדע — פאטער־ראלען. אלרבעלע — קאמיקער. פרייאלדבערג — מוטער־ראלען. קעניגאו — סובער. פעליא וועלכע איך שוין דערמאנט געווען פערהייראט מיט קעניגאו — צווייטע פרימאדאנע. פרייבייש האט מען „שולמית" ביי טיטעלמאנ'ען אין א קליין שטיבעל. די פראבען פלעגען זיך ענדיגען 11—10 ביינאכט. די מאמע האט מיך אנגעהויבען פיינען דין וחשבון וואו איך בין דאס אזוי שפעט ביינאכט. איך האב איהר אנגעהויבען זאגען פערשידענע תירוצים, איך האב אפגעמאכט מיט מיין ברודער און ער פלעגט פאר מיך קומען אהיימגעהמען. דערמיט האב איך געוואלט אפשטעלען מיין מוטער'ס אויפמערקזאמקייט, אבער זי האט זיך נישט געלאזט אפנארען. זי האט ווייטער געפאדערט און איינמאל, ווען איך בין אהיימגעקומען 1 ביינאכט, האט זי מיר געגעבען דעם אמת'ן פסק און סוף כל כל־סוף ארויסגעקראגען פון מיר דאס סוד, און אז כ'גרייט זיך אוועקפאהרען אויבער דער פראווינץ. די מאמע האט מיך געשלאגען און כ'האב איהר צוגעזאגט אז כ'וועל מעהר נישט געהן צו פראבען.

צוגעזאגט און נישט געהאלטען מיין ווארט, ווייל כ'האב מיך מעהר נישט געקאנט שיידען מיט'ן טעאטער, פון די פראבען און פון שפילען. איך האב אנגעהויבען פערנאכלעסיגען מיין פאסטען. דערנאך האב איך איהם אינגאנצען אוועקגעווארפען. די מאמע האט פערשטאנען, אז איך גרייט מיך אוועקצופאהרען און כדי צו זיין זיכער, אז איך וועל דאס נישט טון, האט זי בעהאלטען אלע מיינע מלבושים. דעריבער א קאסטע, וועלכען כ'האב מיר געבארגט ביי א מיידעל, דאס האט מיך אבער נישט אפגעהאלטען, איך בין אוועק מיט דער טרופע אזוי ווי כ'בין געשטאנען און געגאנגען.

אונזער ערשטער מארשרוט איז געווען בענדין, דערנאך סאסנאווצע, פיעטרקאווער גובערניע. מיר זענען געווען 4 פארסטקעס. זיינע פרימע־געגע.פ.אלך א.וו. ווי איצט, אבער נישט זייערע נעמען. שכירות האבען מיר זיך פריהער נישט אפגערעדט. נאר מען האט גענומען אלס קאנטא צו 50 קאפיקעס. ערשט שפעטער האט מען מיר געזאגט, אז כ'וועל בעקומען 12 רובל א חודש. עס איז מיר פינסטער געווארען אין די אויגען. אין געוועלבעל האב איך בעקומען דריי רובל א וואך אבער א סך מעהר האב איך גענומען, און ווייענדיג אין שטוב ביי דער מאמען האב איך גארנישט געוואוסט אז עסען קאסט אייך געלד, אזוי אז דאס גאנצע געלד איז געבליבען. אבער דא איז דער פרעמד קאסט יעדער שריט געלד. דאס איז געווען די אנטוישונג. דאן איז געקומען דער שלעכטער איינדרוק וואס די פיהרונג פון די אקטיארען האבען אויף מיר געמאכט. אט האב איך זיך, צום ביישפיל, פארגעשטעלט צו זעהן ווי די פרימאדאנע גרימירט זיך די אויגען, ביי מיר האט דעמאלט אויסגעזעהן, אז ווען איך וועל דאס וויסען, בין איך שוין א גאנצע אקטריסע. די פרימאדאנע האט מיך אבער גאנץ גוט אויסגעלאכט און ארויסגעווארפען פון איהר גארדעראבע־צימער, דערצו איז נאך צוגעקומען די בענקשאפט צו דער מאמען, וועלכע ווייסט אפילו נישט וואו'ז איך בין אוועק.

בקיצור, דער גאנצער שריט מיינער האט מיך אנגעהויבען באנג טון. איך האב אנגעהויבען בעטען טיטעלמאנען, אז איך וויל צוריק אהיים. טיטעלמאן האט זיך צו מיר בעצויגען ווי א פעטער־מאן, ער האט געוואוסט, אז ס'איז א געפאהר אזא יונג מיידעל אליין ארויסצולאזען אויף דער וועלט. און ער האט מיר געענטפערט, אז אויב איך האב חרטה, צווינגט ער מיך נישט צו בלייבען אין דער טרופע, נאר אליין צוריקפאהרען וועט ער מיך נישט לאזען. ווייל עס האט דאמאלס געהערשט די אנטיסעמיטישע עפידעמיע, ווען מען האט פערכאפט און פערנארט מיידלעך. טיטעלמאן האט מיך דעריבער געראטען ווארטן ביז סוועט ווערן פון דער טרופע פאהרען קיין ווארשא, וועל איך מיט איהם מיטפאהרען.

טיטעלמאן האט מיר בעצאהלט שכירות פאר דריי וואכען, כאטש איך האב אויפגעהערט זינגען ווייל איך האב מעהר נישט געוואלט געהן אויף דער בינע.

אבער אפנים דורך דער קורצער צייט, וואס איך בין געווען אין דער טרופע, האט מען שוין בעמערקט דאס יונגע שעהנע מעדעל און דער קאסירער פון דער טרופע, שאראנגערס ברודער, האט זיך צו מיר געווענדעט מיט א פארשלאג, אז אזוי ווי ער איז רייך, ווייל דאס גאנצע געלד, מיט וואס מען פיהרט די טרופע, איז זיינס, וויל ער מיט מיר חתונה האבען. איך האב זיין פארשלאג אפגעווארפען, ווייל ער איז געווען א רוישער און איז מיר נישט געפעלען. ער האט אבער געזעהן, אז איך בין פערביבלט און זיין אכט. האט ער מיך גענומען טרייסטען און דערווייל פארבעלייגט, אז ער וועט מיט מיר פאהרען קיין ווארשא און פארלייגען מיין מאמען דעם שידוך.

אויך שאראנגער אליין האט מיך צוגערעדט צום שידוך. שאראנגערן האב איך נאך געקענט פון פריהער. איך האב איהם געטראפען אין זאמשטש מיט זיין פריי גוסטיע. זי האט געטאנצט און געפייקעלט מיט א פייקעלע און ער איז געווען א שנעל־ליפער איבער געוויסע שטיקעס פון דער גאס. אלזא, האט שאראנגער מיך אגיטירט און בעשטעטיגט זיין ברודערס ה"ד.

מיר איז אבער דאסנישט געקראכען אין קאפ ארייין איך האב נאר געטראכט וועגען דעם ווי אזוי קומט מען א היים.

א געוויסען פארנאכט איז טיטעלמאן צוגעקומען צו מיך און מיר געהייסען איינפאקען מיינע זאכען ווייל ס'איז פון לאדז געקומען א געוויסער אקטיאר און ווען ער וועט צוריקפאהרען וועט ער מיך מיטנעהמען און דורך קאלושקי אפשיקען קיין ווארשא.

טיטעלמאן האט מיר געגעבען א בילעט, איך האב אויסערדעם פערמאגט דרייסיג קאפיקעס. מיין באגאזש איז בעשטאנען פון א קליין בינטעל, א פאר קאלאשען און דריי קליידלעך מיט נאך אזעלכע חפצים. איך בין געזעסען און געווארט אויף דעם אקטיאר. די אויגען זענען מיר שווער פון קאפ ארויסגעקראכען. אזוי ווי מיין באלעבאס פון דער דירה האט געהאט דאס רעכט צו געהן אין טעאטער אריין אומזיסט, בין איך אליין געבליבען זיצען אין שטוב ווייל מיר איז די פיעסע שוין געווען בעקאנט.

ארום 2 א זייגער ביינאכט איז טיטעלמאן געקומען און מיך ארויסגערופען פון דער דירה.

— א דראשקע שטעהט אין דרויסען און דער אקטיאר אדלער ווארט שוין אינעווייניג — האט ער געזאגט.

דער טאמאשאווער וואקזאל געפינט זיך איניגע קילאמעטער הינטער דער שטאט, מען פאהרט דורך א וואלד. פון אלע זייטען בלאזט א ווינט. מיר פאהרען און פאהרען און מען זעהט נישט די ליכטיגע וועלט. עס איז מיר געווארען זעהר קאלט, ווייל איך בין געווען אנגעטאן אין א סאטינען קליידעל. א פלוי פאלערינקעלע און א רויטען שאל איבערן גאלען קאפ, ווייל פון דער סקארלאטין־קראנקהייט זענען מיר אויסגעקראכען די האר פון קאפ. פון קעלט האב איך זיך אנגעהויבען טולען צו זיך אליין. דער אקטיאר, וועלכער איז געזעסען אין דער דראשקע און וועלכען איך האב אין דער פינסטער אפילו נישט בעוויזען אנצוקוקען אויף, דאס זעלבע — ער מיך. האט דערפיהלט, אז ס'איז מיר קאלט, האט ער מיך מיט איין האנד ארומגענומען און אזוי זענען מיר אן א ווארט צו רעדען געפאהרען צו דער באהן.

ערשט האבען מיר זיך ביידע אנגעקוקט. איך — א האר הויך מיידעל, ארעם געקליידעט, און האר איפן צוגערעקטען קאפ. ער — א הויכער דארער יונגערמאן מיט א לאנגען אויסגעצויגענעם האלז מיט פלויע גרויסע אפשטעקענדע אויגען און א גרויסען סורטוק, א צילינדער אויפ'ן קאפ און אין דער האנט א שטעקען מיט א זילבערנעם הענטעל, א קליין בריליאנטען רינגעל אויפ'ן פינגער.

ער איז צוזאמען מיט מיר אריין אין דער דריטער קלאס, און באלד האט דער צוג זיך גענומען ריהרען. מיר האבען ווייטער קיין ווארט נישט גערעדט צווישען זיך. [המשך קומט].

דער מארד אין דער נאכט

(17

גרויסער שפאנענדער סענסאציאנעלער ראמאן

— איך שווער אייך ביי אלעם הייליגען, אז איך בין דא אבסאלוט אומשולדיג! — האט וואקס אויסגעשריען, אויפשפרינגענדיג פון שטול — דאס אלץ, וואס איך ווייס איז נאר דאס, אז דער הער הייםאן האט ווירקליך מיט דריי וואכען צוריק בעקומען פון דעם קאפיטאן סאלאמקא פופציג טויזענד דאלער. די ערשטע צייט האט ער געהאלטען דאס געלד ביי זיך אין דער וואוינונג, נאר פאר'ן אוועקפאהרען קיין אויסלאנד האט ער בעשלאסען איבערצוטראגען דאס געלד אין דער באנק, און זיין אייזערנער קאסטע. איך גופא בין געווען העררבי, ווען ער האט פערשלאסען די קאסטע און פערהאלטען דעם שליסעל אין טאש. דערנאך איז ער אוועק און מעהר האב איך שוין גארנישט געהערט וועגען דעם געלד...

— אויב דאס איז־וואהר, האט מיין געלד נישט געקאנט פערלוירען געהן! — האט קרייך א זאג געטאן דער קאפיטאן.

— אבער אין דער קאסטע איז דאך דאס געלד נישטא! — האט וואקס פערייאושט געקרעכצט — נישטא אין דער קאסטע... ווען דער הער קאפיטאן איז היינט געקומען און געפאדערט דאס געלד, האב איך געזאגט, אז איך בין נישט בעפולמעכטיגט דאס צו טאן אהן א ספעציעלען אויפטראג... דאן האט ער געמאלט געכוועט צו דאס געלד ליגט און אידעס. האב איך געעפענט די קאסטע און זיין אנוועזענהייט, און דערזעהען, אז מיין בראך!..

— אלענפאלס האט הייםאן נישט געקאנט דאס געלד מיטנעהמען מיט זיך! — האט זיך ליבעסקינד אנגערופען.

— ניין! וועלבסטפערשטענדליך, ניין!.. איך זאג פאר אייך, אז ער האט אין מיין אנוועזענהייט פערשלאסען די קאסטע, און מעהר איז באנק איז ער שוין נישט צוריקגעגאנגען.

— איהר זענט איבערצייגט, אז ער איז נישט צוריקגעקומען? — האט טארטשינסקי איבערגעפרעגט.

— קיינער פון די באנק־בעאמטע האט איהם נישט געזעהן!

— ער האט זיך געקאנט צוריקגעהן נאכ'ן שליסען די באנק?

— אויך דאן וואלטען איהם געזעהן די סטרוזשעס אדער דער שווייצאר. אין דער באנק זענען דא בלוין צוויי איינגאנג, און ביי יעדען בעזונדער דיזשורירען תמיד וועכטער, אזוי אז קיינער קאן זיך נישט אומבעמערקטערהייד אריינקריגען אין דער באנק.

— איהר האט געפרעגט ביי די סטרוזשעס?

— יא און זיי אלע זאגען קאטעגאריש: אז נישט!

דער קאפיטאן סאלאמקא האט זיי ביז איבערגעשלאגען:

— דאס אלץ, מיינע הערען, איז זעהר פיין! אבער דאס אינטערעסירט מיך אבסאלוט נישט... איך וויל אין זאך בלויז — צוריקקריגען דאס געלד!.. ווער איך עס צוריקבעקומען, צי נישט?

— איך וועל זיך ארומכורען מיט'ן פאטער — האט ליבעסקינד איינגעהאלטען דעריקלעהרט — איהר מעגט, אלענפאלס, זיין רוהיג, אז ס'וועט אלץ געמאכט ווערען כדי צוריקצוקריגען אייך דעם היזק... איך מוז אייך אבער ווארענען, אז די באנק איז נישט פעראנטווארטליך פאר אייער געלד...

— וואס הייסט עפיס: נישט בעראנטווארטליך?

— האט א געשריי געטאן דער קאפיטאן, א קלאפ־טוענדיג מיט'ן שטעקען.

— אט דאס וואס איהר הערט! — האט ליבעסקינד ענטשלאסען איבערגעחזרט — דאס געלד איז נישט אריינגעטראגען געווארען אין דער באנק, נאר איז הייםאנען איבערגעגעבען געווארען פריוואט... דאס הייסט, אז פאר דער אבידה איז פעראנטווארטליך נישט די באנק, נאר דער הער הייםאן.

הייםאנען האט מען דערמארדעט, און ער קען דא גארנישט העלפען.

— מיט אייך וועלען זיך אויסגלייכען זיינע יורשים!.. איך זאג אייך נאכאמאל: איך וועל איבערערען מיט מיין פאטער. ער איז איינער פון דעם הער הייםאנ'ס בעפולמעכטיגטע און ער וועט אייך אויסצאהלען דאס געלד, ווי נאר איהר וועט צושטעלען א קאנקרעטען בעווייז, אז איהר האט עס פאקטיש איבערגעגעבען צו הימען דעם הער הייםאן.

— איך האב זיינע א קוויטונג, און חוץ דעם ווייסט דער דאזיגער הער, — דער קאפיטאן האט אנגעוויזען אויף וואקס'ן — פון דעם הייםאן, אז דאס געלד דהאט געהערט צו מיר...

וואקס האט אויסגעהויבען דעם קאפ:

— דער הער הייםאן האט מיר געזאגט, אז דאס געלד געהערט צו א געזעלשאפט.

— פאלשטענדיג ריכטיג... צו א געזעלשאפט, וואס איך בין איהר פארשטעהער.

— אהא! — האט טארטשינסקי אויסגערופען, אויסמערקזאם איבערקוקענדיג דעם קאפיטאן — וואס נאר אקארשט, האט נישט אמאל אייער געזעלשאפט עפיס א שייכות מיט סאוויעט־רוסלאנד?

— מעגליך פונקט פערקעהרט! — האט דער קאפיטאן קאלט געענטפערט — אבער מיט אייך האט עס קיין שום שייכות נישט.

— ס'שטימט! — האט מיט חוזק געענטפערט דער געהיים־אגענט — איך בין דאך נישט קיין בלוי צלמ'ער...

איצט איז דער קאפיטאן געווען געטראפען אינגאנצען.

4

דער שאס וואס דער געהיים־אגענט האט ארויסגעלאזט, האט געטראפען אין ציל.

דער פאני איז צוריק רויט געווארען, געמאכט א שריט צוריק, מיט כוח זיך איינגעהאלטען, און געמאכט א שריט אהיים און א זאג געטאן:

— איך פערשטעה נישט, וואס רעדט איהר?

טארטשינסקי האט א שמייכעל געטאן צווישען די ציינער, אבער האט צוריקגעהאלטען פון מאכען פערעריקונגען.

דאס אויסזעהען פון רוסישען קאפיטאן האט בעשטעטיגט זיינע השערות וועגען די פלויע צמ'לעך.

ס'איז זיכער זיין אנזעלעם פון עפיס א געהיימער רוסישער פאליטישער געזעלשאפט.

און — אויב ס'איז אזוי, איז א סימן, אז דאס, וואס זיי זענען געפינען געווארען לעבען די דערמארדעטע — בעדאפט, אז די מארדער זענען פארגעקומען לויט א בעפעהל פון דער דאזיגער געזעלשאפט.

אבער פארוואס איז געקומען אזא בעפעהל?

דערפאר אודאי, ווייל די פופציג טויזענד דאלאר, וואס האבען געהערט צו דער געזעלשאפט, זענען אויסגעגנבעט געווארען...

ווער זשע האט דאס געלד אוועקגעגנבעט?

אין געדאנק ביי זיך, האט טארטשינסקי בעשלאסען נעהמען זיך אכטונג געבען אויפ'ן קאפיטאן סאלאמקא.

(פארטזעצונג קומט).

נייער פאלקסבלאט

דאס לאדזער לעבען

נייער פאלקסבלאט

פרייטאג
13
יון
ז׳ סיון תר״ץ

יוני
זון־אויפגאנג 3.17
זון־אונטערגאנג 7.52
ליכט־צינדען: 7.41

אבעסטיאל־ישער פאטער
און אנ׳אכזריות׳דיגע שטיף־מאמע

(2) זייט א לענגערער צייט זענען די לאקאטא־רען פון הויז אויף פאפיעלא 4 בעאונרוהיגט גע־ווארען דורך שרעקליכע געשרייען פון א קינד, וואס זענען געקומען פון דער וואוינונג פונ׳ם הויר מירט הלאדיסלאוו זאקושעווסקי.

די לאקאטארען האבען זיך בעמיהט צו קער־גערען די סיבות פון די אונמענשליכע געשרייען, אבער דאס איז זיי נישט געלונגען.

עקערנעכטען איז דאס דאזיגע רעטעניש אויפ־געלעזט געווארען, און די אונגער־שען האבען זיך ווידער דערהערט א.עלכע פע־צווייפעלטע געשרייען און קרעכצען פונ׳ם קינד. די לאקאטארען האבען דאן אויף גארנישט קוקענדיג, זיך אריינגעריסען אין דער וואוינונג פון זאקושעווסקי, דא האט זיך פאר זייערע אויגען פארגעשטעלט א שוידערליך בילד:

אין דער קיך אויף דער פאדלאגע האט געקניהט דאס 6־יעהריגע יונגעלע פון זאקושעווסקי, די הענד געפונדען, אונטער די קניהען — א ריבאייזען און איבער איהם איז געשטאנען דער פאטער און אהן רחמנות געשלאגען דאס קינד מיט א שטעקען. די לאקאטארען האבען דעם אכזריותדיגען פאטער א־וועקגעריסען פון דעם קוים־לעבעדיגען קינד און גע־רופען די פאליציי. דאס אויסזעהן פון דעם קינד איז געווען א שרעקליכעס, די קניהען פיל מיט וואונ־דען, אויפ׳ן גאנצען לייב — בלויע צייכענס און בייל׳ען.

די אויספארשונג, וועלכע די פאליציי האט אונטערגענומען וועגען דעם ענין, האט געגעבען סענסאציאנעלע רעזולטאטען: זאקושעווסקי האט חתונה געהאט אין יאהר 1920 מיט א געוויסער מאריא גיזשעוויטש. דאס פארפאלק האט גוט גע־לעבט אין יאהר 1928 איז די פרוי געשטארבען און איבערגעלאזען פאר דעם מאן און דעם קינד, וועל־כעס איז געבוירען געווארען, אנ׳אייגען הויז.

נאך 5 חדשים האט זאקושעווסקי חתונה גע־האט צום צווייטען מאל און דא האבען זיך אנגעהויבען די יסורים און צרות פון דעם 6־יעהריגען קינד, די שטיף־מאמע האט דאס קינד געשלאגען אהן רחמנות און עס כסדר פערשלאסען אין א קאמער. דאס קינד האט געמוזט קניהען אויף ארבעס, אדער אויף א ריבאייזען און דער טאטע מיט דער שטיף־מאמע האבען עס געשלאגען מיט שטעקענס.

לויט ווערסיעס, וואס געהען ארום, צווישען די לאקאטארען, האט זאקושעווסקי געוואלט פער־קויפען זיין הויז, דאס קינד איז אבער געווען א שטער־רונג, ווייל ס׳איז געווען א יורש דערצו, וועלענדיג פטור ווערען פונ׳ם קינד, האבען זיי עס אזוי מער־דערליך געשלאגען און געפייניגט.

דער פאטער איז ארעסטירט געווארען, די שטיף־מאמע איז ענטלאפען, דער צושטאנד פונ׳ם קינד איז אנ׳ערנסטער און עס געפינט זיך איצט ביי זיינעם א פעטער.

אנ׳עקסמיסירטער וויל שלאפען אין טראמוואי
איצט וועט ער שלאפען א חודש אין טורמע

דאס שטעטישע געריכט האט נעכטען בעהאנ־דעלט א זעהר קאמישען פראצעס. אלס בעשולדיגטער איז געשטאנען פאר׳ן געריכט דער 22 יעהריגער יוליאן ווארמינסקי.

דעם 24. אפריל איז יוליאן ווארמינסקי אין א בגלופענדיגען צושטאנד אריין געשטיגען אין טראמ־וואי נ. 4 און אזוי ווי עס איז דארט געווען גראדע ענגע מענשען, האט זיך ווארמינסקי געמאכט בעקוועם און באלד אנטשלאפען געווארען. ווען ער שלאפט שטיל וואלט אפשר קיינער קיין עולה אין דעם נישט געזעהען, אזוי אבער, ווי ווארמינסקי האט אנגעהויבען שטארק צו כראפען, איז צוגעגאנגען צו איהם דער קאנדוקטאר אהם אויפגעוועקט און פארלאנגט אהיים צו געהען. ווארמינסקי האט געענטפערט, אז ער האט פון זיין וואוינונג בעקומען אנ׳עקס־מיסיע, און פיהלט זיך אין טראמוואי ווי אין דער היים. און האט נישט ברעה זיך ארויסצוציהען פונ׳ם טראמ־וואי. גאן אויך דער קאנדוקטאר האט צוליב דעם ארויפ־גערופען א פאליציאנט, ווארמינסקי האט זיך נישט דערשראקען פאר׳ן פאליציאנט אויך און איהם בעד־שיט מיט קללות.

דער פינאל פון דער מעשה האט זיך פערשפילט אין געריכט.

דאס געריכט האט פערמשפט ווארמינסקין אויף א חודש ארעסט.

א געַסמ׳טע פרוי אין אנ׳ענטדעקט פאבריקעל פון פאלש־געלד
ערמארדעט, צי זעלבסטמארד? — א בלוטיג געהיימניש אויף ריבנע 5

(2) אויף ריבנא 5 וואוינט די 30־יעהריגע יוליא בלעך. די דאזיגע פרוי איז בעקאנט און דער פאליציי אלס פראפעסיאנעלע גנבטע און איז שוין נישט איינ־מאל פאר פערשידענע פערברעכען געזעסען אין טורמע.

בעת זי איז דאס לעצטע מאל געזעסען אין טורמע, האט זי זיך בעקענט מיט א געוויסען וולא־דיסלאוו נאשעמבלא, ביידע זענען ערשט נישט לאנג ארויס פון טורמע און האבען צוזאמען געוואוינט אויף ריבנא 5.

נעכטען האבען די לאקאטארען פון דערמאהנ־טען הויז געהערט שרעקליכע געשרייען פון נא־שעמבלאס וואוינונג, ווען די לאקאטארען זענען אריין אין דער וואוינונג האבען זיי געטראפען יוליא בלעך ליגען אויף דער פאדלאגע שוין א טויטע. דער דאקטאר פון דער פאגאטאוויע איז פעסטגע־שטעלט, אז די פרוי איז געשטארבען צוליב׳ן פער־סמונג מיט ארשעניק.

אויפ׳ן ארט איז אנגעקומען די אויספארשונגס־מאכט וועלכע האט אנגעהויבען אנ׳אויספארשונג, כדי צו דערגעהען, צי די פרוי האט זיך אליין גע־סמט, אבער זי איז פערסמט געווארען דורך איהר „קאכאנעק" נאשעמבלא.

די פאליציי האט קודם כל אדורכגעפיהרט א רעוויזיע, כדי צו געפינען דעם ארשעניק, אבער אנשטאט סם האט מען געפונען א פולשטענדיג איינ־געארדענטע פאבריקעל פון פאלשע 1 און 2 זלאטע־דיגע מטבעות.

נאשעמבלא האט זיך מודה געווען, אז ער האט אויסגעארבייט פאלש געלד און האט בעהאלטען אויף וואולטשאנסקא 253, אויפ׳ן אנגעוויזענעם ארט האט מען טאקע געפונען א גרויסע סומע פאלשע מטבעות, וואס שייך זיין געליבטער, דאס נאשעמבלא ערקלערט, אז זי האט זיך אליין פערסמט.

נאשעמבלא איז איינגעזעצט געווארען אין טורמע און די אויספארשונג רוהט.

נייע פראלאנגאציעס
פון האנדעלס־געריכט

(—) אין חודש אפריל איז אין האנדעלס־געריכט אריינגעקומען א ביטע וועגען פראלאנגירען די צאה־לונגען די פירמע „וואַ. אינדוסטריע יש. אל בירנ־צווייג", פיעטריקאווער 73.

דער בילאנס שליסט זיך מיט דער סומע פון 380 טויזענד זלאטעס, דער אקטיוו איבערשטייגט דעם פאסיוו מיט אנ׳ערך פון 200 טויזענד זלאטעס.

דאס געריכט האט געגעבען די פראלאנגאציע אויף 3 חדשים, אלס ריכטער־קאמיסאר איז בע־שטימט געווארען דער האנדעלס־ריכטער יוזעף לאנדוי, אלס געריכט־אויפזעהער מוריצי אפקאנאס און דער אינדוסטריעלער נאטאן שפירא.

*

א צווייטע פראלאנגאציע איז געגעבען געווארען דער פירמע יוזעף ראזענהאלץ, פיעטריקאווער 69, פאבריק קאראלא 17, אלס ריכטער־קאמיסאר איז בעשטימט געווארען דער האנדעלס־ריכטער זלאטיסלאוו נארראזסקי, אלס געריכטס־אויפזעהער איז לעקסאנדער פילץ.

*

אויף דערזעלבער סעסיע פון האנדעלס־געריכט איז בעטראכט געווארען די פראגע וועגען עפענען א פערגלייכונגס־אפמאך פון דער פירמע „גייזלער און ליפמאן" פיעטריקאווער 59, די פירמע האט א „נארוור", צוליב דעם וואס די פירמע זעהט פאר אז זי וועט נישט קענען בעצאהלען קיין הונדערט פראצענט פון איהרע חובות, האט זי פארגעשלאגען 70 פראצענט צאהלבאר אין 2 יאהר. דאס געריכט האט מסכים געווען אויף דער דאזיגער פראפאזיציע.

מיניסטער צאר קומט ערשט מארגען קיין לאדז

(2) דאס יוסטיץ מיניסטעריום האט מיטגעטיילט דעם פרעזעס פון קרייז־געריכט, אז דער מיניסטער צאר וועט קומען קיין לאדז נישט פרייטאג און זונטאג, ווי ס׳איז געווען פראיעקטירט נאר שבת אינדערפריה, ווי בעקאנט קומט דער מיניסטער צום חנוכת־הבית פון נייעם גרויסען בנין פון קרייז־געריכט אויף דאמבראווסקי פלאץ.

האנדעל צווישען לאדז און פאלעסטינע

(ב) ווי מיר דערוויסען זיך קומט קיין לאדז דער גענעראל־סעקרעטאר פון דער האנדעלס־קאמער אין תל־אביב ה׳ גראסקאפ, וועלכער וויילט איצט אין ווארשא. ה׳ גראסקאפ קומט אנקניפען בעציהונגען צווישען דער לאדזער אינדוסטריע און פאלעסטינא.

ה׳ גראסקאפ וועט אין הסכם מיט׳ן האנדעלס־מיניסטעריום אפהאלטען א קאנפערענץ מיט׳ן פרע־זעס פון דער לאדזער האנדעלס־קאמער ה׳ גייער.

ווער שטעלט זיך היינט
צו די פאבאר־קאמיסיעס?

היינט, פרייטאג דארפען זיך שטעלען פאר דער פאבאר־קאמיסיע נומער 1, אויף זאקאנס־נא 82, די מענער פון יאהרגאנג 1909, וועלכע וואוינען אויפ׳ן שטח פונ׳ם 8 טען פאליציי־קאמי־סאריאט, און זייערע פאמיליען־נאמען הויבען זיך אן אויף די אותיות

M P

מארגען R S

פאר דער פאבאר־קאמיסיע נומער 2, אגרא־דאווא 31, דארפען זיך שטעלען די מענער פונ׳ם יאהרגאנג 1909, וועלכע וואוינען אויפ׳ן שטח פון 13־טען פאליציי־קאמיסאריאט און זייערע פאמיליען־נאמען הויבען זיך אן מיט די אותיות

K M

מארגען פון N ביז Z

פאר דער פאבאר־קאמיסיע נומער 3, אליע קאשטשושקי 21, דארפען זיך שטעלען אלע מענער פון קאטעגאריע B פון יאהרגאנג 1908 וואס וואוינען אין 8־טען פאליציי־קאמיסאריאט

פון A ביז J

מארגען פון K ביז P

צוגאב־פאבאר־קאמיסיע אין לאדזער פאוויאט

מארגען שבת וועט אין פ.ק.או. לאדז־פאוויאט (פעטריקאווער 187) פארקומען א צוגאב פאבאר קאמיסיע פאר די פאבאר פליכטיגע פון זגערזש, לזשמעזש, ראדאגאשטש, טשאינאטשין, רעדלאוו און פוטשניעוו. מאנטאג דעם 16. — פון אלעקסאנדער, קאנסטאנטין, רוזשא־פאביאניץ, טושין און פון די גמינעס פאבין, כאיני און בראיצי.

דעם 17. — ברוס, ברושיצא, וועלקא, נאספא־ראוש קרושאוו, לאגעוויניקי, נאווארלנא, כאמביעץ און חיטקישנא.

אונטערשטיצונג פאר ארבייטסלאזע

עס האט זיך אנגעהויבען די רעגיסטראציע אויף דרינגענדע הילף פאר׳ן חודש מאי, 1930 פאר די אר־בייטסלאזע, וועלכע האבען בעקומען היגער־אונטער־שטיצונג, פאר אפריל אין אונטערשטיצונגס־אמט פאר ארבייטסלאזע, און וועלכע האבען אויסגע־שעפט דאס רעכט צו געזעצליכער אונטערשטיצונג פון ארבייטסלאזען פאר אין אפריל פונ׳ם ל. י.

די רעגיסטראציע קומט פאר אין אונ־טערשטיצונגס־אמט, גדאנסקא 131 פון 9 ביז 14 א זייגער, לויט פאלגענדען סדר:

פרייטאג, דעם 13 —

M N O

שבת, דעם 14 —

P R S

מאנטאג, דעם 16 —

T U W Z Ż

פון ארבייטסגעריכט

(2) אין ארבייטס־געריכט איז פארגעקומען דער פראצעס געגען דער פירמע בארנשטיין, „אוואַ־מיעיסקא 7, ביי דער דאזיגער פירמע האט געמאהנט ענטשעדיגונג אויף א סומע פון 2645 זלאטעס דער געוועזענער עקספעדיענט פון דער פירמע ישראל קרויל. קרויל האט געארבייט אין דער פירמע 2 יאהר און פערדינט צו 320 זל. א חודש, דעם 1. מאי איז ער געקינדיגט געווארען פון פאסטען אהן 3־חדשים׳־דיגער ענטשעדיגונג און אהן אורלויב. דאס געריכט האט צוגעמשפט די גאנצע ענטשעדיגונגס־סומע.

יודיש טעאטער אין פילהארמאניע, נארוטאוויטשא 20
אונטער דער לייטונג פון א. בעזמאן.

אויפ׳ן פערלאנג פון פובליקום לעצטע 5 פארשטעלונגען פון
מאריס לאמפע

שבת, 4 נאכמיטאג – די בעליבטע פיעסע אין לאדז
„דער ישיבה־בחור"
אין 4 אקטען מיט געזאנג און טענץ
פון זאלאטארעווסקי. ראל אביגדור׳ל־מ. לאמפע.

שבת, דעם 14־טען, 9 אין אווענד
אויפ׳ן פערלאנג פון פובליקום
צום לעצטען מאל
טוביה דער מילכיגער
אין 4 אקטען פון בעליבטען פאלקס־שרייבער שלום עליכם. ראל טוביה־מ. לאמפע

זונטאג, דעם 15־טען, 9 אווענד – די שטארק־אויסגענומענע פיעסע
אויפ׳ן וועג קיין בוענאס־איירעס
(דאס לעבען פון דער אונטערוועלט) אין 3 אקטען פון געזאנג פון רייזלמאן.

מאנטאג, ד. 16־טען, 9 אווענד
די שטארק אנציהענדע פיעסע
די ווייסע שקלאפין
אין 4 אקטען פון זאלאטארעווסקי. ראל אליהו צייטלין מ. לאמפע.

דינסטאג, דעם 17־טען, 9 אין אווענד – לעצטע געזעגנונגס־פארשטעלונג
דאס גרויסע מייסטערווערק
„גאט פון נקמה"
אין 3 אקטען פון שלום אש.

אלע פארשטעלונגען צו פאפולערע פרייזן פון 80 גר. ביז 2.50

ס׳נעהמען אנטייל (לויט א.ב.) פרויען: בעזמאן, ד כשענבערג, ל ב׳אווסקא, נערה, פארערמאן, מענער: אריעל, אייזענבערג, באלבירסקי, האמבורגער, הערשקאוויטש, וו. נייהויז, פאלאנסקי.
מוזיקאלישער לייטער: ל. זעלמאן. בילעטען ביי דער קאסע פון טעאטער.

לאסען
צו דער 2־טער קלאס פון דער 21־טער מלוכה־לאטעריע
זענען שוין צו בעקומען
אין די גליקליכע קאלעקטורען פון
E. LICHTENSTIEN
אין לאדז פיעטריקאווער 11 פיעטריקאווער 72
דער הויפט־געווינס 80,000 זל.
איז געפאלען ביי אונז
די ציהונג שוין מארגען, שבת, דעם 14 און מאנטאג דעם 16 ד.ח.

בעמ.: פאַר ענגראָסיסטען בעדײַטענדער ראַבאַט!

בעפאָר איהר פאָהרט אויף ערהאָלונג!
קויפט אײַן אײַער קאָסמעטיק אין דער רענאָמירטער

J. DRUKIER פּערפומעריע
Zawadzka 5 tel. 175-92

וועלכע איז פערזעהען מיט דעם רײַכסטען אויסוואַהל פון נײַעסטע פּערפומען, פודערען, קעלניש בלומען-וואַסערען, קרעמען, טואַלעט-זײפען, א. אַז. וו. אין- און אויסלענדישע

אַלעס צו פאַבריקס פּרײַזען

הײַנט ערוואַרט מען אין לאָדז דעם מיניס"ער סקלאַדקאָווסקי

(פא) ווי מיר דערוויסען זיך גרייט זיך די אַרמי-ניסטראַטיווע מאַכט פון אונזער שטאָט הײַנט אויפצו-נעהמען אין לאָדז דעם אינערן-מיניסטער גען. סקלאַד-קאָווסקי, וועלכער וועט אדורכפיהרען א סאַניטאַרע אינספּעקציע אין לאָדז און אין אומגעגענד.

צוליב דעם האָבען די פּאָליציי - קאָמיסאַריאַטען אנגעהויבען אדורכצופיהרען רעוויזיעס ווע,ען סאַניטאַרען צושטאַנד פון די הײַזער, געוועלבער א. א. וו.

דער מיניסטער וועט קומען הײַנט אינדערפריה מיט אנ'אויטאָ. ווי מיר דערוויסען זיך אויך אז דער מיניסטער וועט אדורכפיהרען א טעלעפאָנישע רעוויזיע אין דער לאָדזער וואָיעוואָדזשאַפט. דער מיניסטער וועט בלײַבען אין לאָדז א גאַנצען טאָג.

„טאָז" נעמט איבער די איניציאַטיוו
צו שאַפען א קערפערשאַפט וואָס זאָל אנפיהרען און אויסהאַלטען דעם יודישען שפּיטאָל אין ראַדאָגאָשטש

(—) נעכטען בײַנאַכט איז אין „טאָז", פאָרגעקומען א זיצונג פון דער פערוואַלטונג, צווישען אנדערען איז דאָרט בעטראַכט געוואָרען די פראַגע וועגען דעם ראַדאָגאָשטשער יודישען שפּיטאָל, וועלכען דער מאַגיסטראַט וויל איבערנעהמען.

ס'איז בעשלאָסען געוואָרען וועגען דער פראַגע צוזאַמענצורופען א גרעסערע קאָנפערענץ פון פאָר-שטעהער פון יודישע געזעלשאַפטליכע אָרגאַניזאַציעס, יודישע כלל טוער און פאָרשטעהער פון די קאָנסטאַט-קוראַטאָריום כדי צו שאַפען א קערפערשאַפט וואָס זאָל זיך אונטערנעהמען דאָס האַלטען און אנפיהרען מיט'ן יודישען שפּיטאָל.

צו דער קאָנפערענץ זאָל אויך ספּעציעל אראָפּ-קומען א פאָרשטעהער פון דער צענטראַלע פון „טאָז" אין וואַרשע.

צוליב'ן קריזיס ווילען לאָדזער אינדוסטריעלער
זיך נישט בעטייליגען אין דער אמעריקאַנער אינטער-נאַציאָנאַלער אויסשטעלונג

(או) אין חודש אויגוסט וועט אין ניו-יאָרק פאָרקומען אַן אינטערנאַציאָנאַלע אויסשטעלונג פון אמעריקאַנער אימפּאָרט, אין דער אויסשטעלונג וועלען אנטיילנעהמען פאַבריקאַנטען און עקספּאָרטערען פון פיל לענדער, כדי צו בעקענען די אמעריקאַנער אימפּאָרטערען מיט זייערע אויספאַרבייטונגען. צוליב שפּאַרזאַמקייט וועט די פּוילישע רעגירונג מאַטעריעל נישט אונטערשטיצען די פּוילישע אויסשטעלער און די פּוילישע אָפּטיילונג וועט מוזען אָרגאַניזירט ווערען דורך דער אנשטרענגונג פון די פּראָאינטערעסירטע אליין.

נעכטען האָט א פאָרשטעהער פון דער אויס-שטעלונג בעזוכט דעם היגען טעקסטיל אינדוסטריע לען-פערבאַנד און דעם עקספּאָרטערען-פערבאַנד. דער פאָרשטעהער האָט פאָרגעלעגט, אז די דערמאָהנטע פערבאַנדען זאָלען אנטיילנעהמען אין דער אויסשטעלונג, צוליב דעם הערשענדען קריזיס האָבען די פערבאַנדען זיך אָפּגעזאָגט אנטיילצונעהמען אין דער אויסשטעלונג.

הלוואה פון 2 מיליאָן זלאָטעס
בעקומט דער מאַגיסטראַט אויף אינוועסטיציע-אַרבייטען

(ב) ווי בעקאַנט האָט דער שטאָט-ראַט אנגענומען א בעשלוס צו נעהמען א הלוואה פון 2 מיליאָן זל. פון דער מלוכה אויף אינוועסטיציע-אַרבייטען.

אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם דאָזיגען בעשלוס, איז נעכטען געווען אין וואַרשע דער פּרעזידענט זשעמיענצקי און אפּגעהאַלטען א קאָנפערענץ מיט די מאַסגעבענדע פאַקטאָרען פון פינאַנץ-מיניסטער-יום. די הלוואה זאָל פינאַליזירט ווערען אין עטליכע טעג אַרום, דער לאָדזער מאַגיסטראַט פאַר-פליכטעט זיך אויסצונוצען די גאַנצע הלוואה אויף אינוועסטיציע אַרבייטען, כדי צו בעשעפטיגען אַר-בייטסלאָזע.

וואָס שייך א הלוואה אויף לויפענדע אויסגאַ-בען, בעמיהט זיך דער מאַגיסטראַט צו בעקומען א קורצטערמיניגע הלוואה ביז דער צייט, ווען ס'וועט לען שטאַרקער אײַנפליסען די שטייערען. דאָס הייסט ביז הערבסט.

מאָנטאָג—די גרויסע פּראָטעסט-מאַניפעסטאַציע פון לאָדזער יודענטום
געגען פערמאַכען די טויערען פון ארץ-ישראל פאַר דער חלוצישער עליה

מען איז אונז מודיע: מאָנטאָג דעם 16. ה. ח. וועט דאָס לאָדזער יודענטום זיך פעראייניגען אין א גרויסע פּראָטעסט-מאַניפעסטאַציע געגען די לעצטע גזירות פון דער ענגלישער רעגירונג, וועלכע שטעלען אין סכנה די אויפבויאונג פון דער יודישער נאַציאָנאַלער היים אין ארץ ישראל.

די לאָדזער יודען וועלען מאָנטאָג, 6 א זייגער איבערײַסען די אַרבייט און פערמאַכען די געוועלבער כדי זיך מאַסענווייז צו בעטייליגען אין דער פּראָטעסט אקציע און אויסדריקען זייער צער און צאָרן געגען דער גרויסער עוולה, וואָס ווערט געטון דעם יודישען פאָלק.

דער אָרגאַניזיר קאָמיטעט מאַכט אַלע נויטיגע הכנות כדי דער פּראָטעסט-אויסדרוק זאָל זײַן אַנ' אימפּאָזאַנטער. צעהנדליגער אָרגאַניזאַציעס און אָרגאַ-נאַציעס, הן פּאָליטישע, הן ווירטשאַפטליך—פּראָפעס-סיאָנעלע, שפּאָרט-גרופּען א. א. וו. וואָס האָבען שוין געמאָלדען זייער אנטייל אין דער דעמאָנסטראַצ-יע, ווייטערע אנמעלדונגען ווערען אַנגענומען אין ציוניסטישען ביוראָ טעלעפאָניש (28-127) אָדער שריפטליך.

אַלס זאַמעל-פונקט איז בעשטימט געוואָרען דער גרינער מאַרק — 5.30 נאַכמ. פון דאָרט וועט דער צוג ריהרען 6 א זייגער און וועט געהן דורך די גאַסען פון דער שטאָט מיט פערגער און טראַנס-פּאַראַנטען ביז צום באַלוטער מאַרק. עס איז בע-שטימט געוואָרען א ספּעציעלע קאָמיסיע, פון פאָר-שטעהער פון די ספּאָרט-גרופּען מיט ה' לאַוניק יאַעל אין דער שפּיץ, וועלכע וועט אנפיהרען מיט דעם צוג און זאָרגען פאַר דער אָרדנונג.

USUWAJĄ
SZYBKO WYWIERAJĄC SWOJE DZIAŁANIE
PROSZKI
TABLETKI
DLA DOROSŁYCH
MAG. A. BUKOWSKIEGO
DO NABYCIA WE WSZYSTKICH APTEKACH W ORYGINALNYM OPAKOWANIU W MAŁYCH DOGODNYCH PUDEŁKACH PO DWADZIEŚCIA TABLETEK
CENA Zł. 1.30
znak fabr. TRÓJKĄT ze STATYWEM

קלאַנג-פילם טעאַטער
„CASINO"
הײַנט און פאָלג. טעג!
וואָהנזין פון יוגענד און ליבע
מײַסטערווערק פון געניאַלען רעזשיסער
A. FEYDER א. ג.
חלומות פון גליק
ריהרענדע דראַמע, אין די הויפּטראָלען:
דער ליבלינג פון פּובליקום
Michał CZECHOW
די שעהנע
KARINA BELL
דער ליבלינג פון פרויען
Gaston MODOT
ווי אויך די 6-יעהריגע
Bianka LORET
די לידלעך אין דער דײַטשער שפּראַך
קלאַנג-צוגאָבע און פּוילישע אַקטואַליטעט.
אָנהייב 4.30, 6', 8 און 10 אָווענט.

שיסערײַען און געשלעגען

(ב) נעכטען האָט זיך דאָרט כאָינע לאָדזער פּאָוויאַט, אויסגעבראָכען א געשלעג צווישען 2 אײַנוואוינער פון דאָזיגען דאָרף יוזעף טאָמפּאַרקעוויטש און יאַזעף קו-ליק, ביידע זענען געווען שיכור און האָבען נאָך פער-טשעפּעט די לאָדזער אײַנוואוינער עדמונד לאַנגע און הענריק סאָבאָלעווסקי, די לאָדזער האָבען געשאָסען אויף די כוליגאַנען, נאָר צום גליק קיינעם נישט געטראָפען, אַלע פיר זענען צוגעצויגען געוואָרען צו געריכטליכער פעראַנטוואָרטליכקייט.

אויך איז דאָרט סטאָקי, גמינע נאָוואָסאָלנאַ, אין אויסגעבראָכען א געשלעג און שיסערײַ צווישען שי-כורים. דער "פּ" איז איינער פון זיי סטודענט שוער פערוואונדעט געוואָרען, דעם שיסער וואַלענטי דראַמטשעווסקי איז אַרעסטירט געוואָרען.

זיך אויפגעהאַנגען אין א קאַמער

(2) נעכטען איז אין דאָרף קאַרטשעוו, גמינע כאָיני בעלאַנגען זעלבסטמאָרד די 30-יעהריגע בראַ-ניסלאַווא בראַצלאַוק. די זעלבסטמערדערין האָט זיך אויפגעהאַנגען אין א קאַמער.

פּערש"ענעם

(2) בײַ אײַנצע האָבען 16 וואוישנעס פונאַנדערגע-טראָגען געריכטס-אויספאָדערונגען, ווי מיר דער-וויסען זיך, ווילען פון 1. יולי צוגעטעטען ווערען נאָך 32 וואוישנעס צו דערזעלבער מלאכה.

מאָרגען - די פאָלקס-פערווײַלונג אין „העלענאָוו" לטובת די מעדעם-שולען

מאָרגען, שבת, ד. 14 יוני 2 נ. מ. קומט פאָר אין „העלענאָוו" די גראַנדיעזע גאָרטען - פערווײַלונג, לטובת די שולען און קינדער - היימען בײַם מעדעם-קוראַטאָריום. עס וועט זײַן א נ'אמת'דיגע פאָלקס - פערוויילונג, וואָס לאָדז האָט נאָך נישט אזעלכעס געזעהן. אויף דער פרייער לופט וועלען, אונטער די קלאַנגען פון 2 בלאָז - אָרקעסטערס, אדורך דעפּיליר-ען הונדערט קינדער. יעדעס קינד וועט בײַם ארײַנ-גאַנג בעקומען אנענטשפּרעכענדע מתנה. בעזונדערס רײַך וועט זײַן דער קאָנצערט - טייל, אין וועלכען ס'נעמט אנטייל דער פילהאַרמאָניע - אָרקעסטער, אונטער דער ליטונג פון פּראָפ. ט. רידער, און דאָס בערימטע אַר-בייטער - כאָר בײַ דער געז. קולטור - ליגע".

עס וועלען אויך זײַן אויפטריטען פון בעריהמטע אַרטיסטישע כוחות. דער ספּאָרט - טייל וועט אויס-געפיהרט ווערען דורך מײַסטער - ספּאָרט - גרופּען בײַם „מאָרגענשטערן".

א רײַך דעם פילפאַרביגען פּראָגראַם איז אויך צוגעגרייט געוואָרען א פאַנטען - לאָטעריע מיט 1600 ווערטפולע חפצים. אין אָווענט וועלען פאַרקומען א גאַנצע רײַהע אָריגינעלע פערווײַלונגען.

DR. MED.
L. Pikielny
אורלאָג
ספּעציאַל-אַרצט פאַר נירן, בלאָז און אורין-קראַנקהייט
NAWROT 8, tel. 2,19-90
נעהמט אָן פון 4—7 אָווענד.

Sommersprossen
beseitigen zuverlässig
LESCHNITZER CREME u. SEIFE
Unschädliche Spezialpräparate auf rein wissenschaftlicher Grundlage.
In Apoth. u. Drog. Creme 3.15, Seife 2.30.
Wo nicht,
direkt bei: Apoth. Drancz i Co., Bielsko.

צו'ה'דיגער זומער-סעזאָן

(או) אין דער לאָדזער בוימוואָל-אינדוסטריע איז די לעצטע וואָך געזען א זעהר נישטיגע בעוועגונג. ס'זענען כמעט נישט געמאַכט געוואָרען קיין אײַנקויפען. דעם זומער-סעזאָן דאַרף מען שוין האַלטען פאַר פערענדיגט.

אַפּטייקען

ל. פּאָלאַווסקי, (פּיעטריקאָווער 307); ס. האַמבורג, (גלובנאַ 50) - ב. גלוכאָווסקי, (נאַרוטאָ-וויטש 4); י. סטקעוויטש, (קאָפּערניק 26); א. כאַרעמזאַ, (פּאַמאַרסקאַ 10); א פּאַטאַש, (פּלאַץ קאַשטשעלני 10).

קאַמף געגען אַלקאָהאָל

(ס) דעם 2. יוני האָט אנגעהויבען איהר טע-טיגקייט אויף גדאַנסקאַ 83 די שטאָטישע אנטי-אַל-קאָהאָל בעראַטונגס-שטעלע.

אין דער בעראַטונגס-שטעלע קענען זיך מעל-דען אַלקאָהאָליקער ווי אויך זייערע פאַמיליען-מיטגלי-דער, וועלכע וועלען בעקומען אָנווייזונגען ווי אַזוי זיך צו פיהרען, כדי זיך אַרויסצורײַסען פון דעם שרעק-ליכען אַלקאָ-האָליזם, די עצות ווערען געגעבען אומזיסט. די בעראַטונגס-שטעלע איז טעטיג דינסטאָג און שבת פון 11 ביז 12 מיטאָג. אָרדינאַטאָר איז ד"ר שווינסקי.

רעגולאַציע-פּלאַן

(מ) נעכטען איז אונטער'ן פאָרזיץ פון ראַטמאַן ראַלעצקי פאָרגעקומען א זיצונג פון דער קאָמיסיע פאַר אַלגעמיינע ענינים בײַם שטאָט-ראַט. ס'איז אָנ-גענומען געוואָרען דער פאָרשלאַג פון מאַגיסטראַט צו בעשטעטיגען א שקיץ פון לאָדזער רעגולאַציע-פּלאַן.

אַרויסגעפאַלען פון פענסטער

(2) אויף זשגאַזשאַ 22 איז נעכטען פאָרגעקו-מען א טראַגישער פאַל. די 48-יעהריגע שיינדעל פּריש האָט זיצענדיג אויפ'ן פענסטער פערלוירען דאָס גלײַכגעוויכט און אַרויסגעפאַלען אויפ'ן גאַס, דער שנעל-הילף אונטערטער האָט ערטיילט הילף די שטאָטישע פּאַגאָטאָוויע.

אנפאַלען אין גאַס

(2) נעכטען איז בעפאַלען געוואָרען און שטאַרק צעשלאָגען געוואָרען דורך אומבעקאַנטע אנפאַלער אַלגנאַצי פעליץ, פון זגאַזשינסקאַ 2. דעם שווער פערוואונדעטען, וועלכער איז געפינען געוואָרען דורך די דורכגעהער, האָט ערטיילט הילף די פּאַגאָטאָוויע, וועלכע האָט איהם אָפּגעפיהרט אין דער שטעטישער „פּאַגאָטאָוויע". די פּאָליציי זוכט די אנפאַלער.

פון געריכט

טאַקע דיסקאָנטירט, נאָר... פאַר זיך

(2) נעכטען איז אין קרייז-געריכט פאָרגעקומען דער פּראָצעס געגען דעם 35-יעהריגען מיכאל וואַסטפּאַל, וועלכער איז בעשולדיגט געוואָרען אין נעהמען וועקסלען צו דיסקאָנטירען בײַ א געוויסען ראַשקאָווסקי, די וועקסלען האָט וואַסטפּאַל דיסקאָנ-טירט, אָבער דאָס געלד צוגענומען פאַר זיך. דאָס געריכט האָט איהם פערמשפּט אויף 1 יאָהר טורמע.

די פייערונג פון דער עמיגראנץ-יע-געזעלשאפט „יעאס"

די הייגע אפטיילונג פון דער יודישער צענטראלער עמיגראציע - געזעלשאפט „יעאס" ארדענט אין דינסטיג זונטאג א גרויסע פייערונג לכבוד דער ערעפנונג פון א נייעם לאקאל קילינסקיגאס 49.

צו דער ערעפנונג פון דעם נייעם לאקאל, וועלען איינגעלאדעט געוואָרען באקאנטע עסקנים פון אונזער שטאט. די ברייטע יודישע עפענטליכקייט וועט זיך בעקענען מיט דעם גרויסען און וויכטיגען נוצען פון דער דאזיגער אינסטיטוציע.

ר' גרשון סיראטא דער קעניג פון די חזנים

דאווענען היינטיגען שבת אין פילהארמאניע

דאס יודישע לאדז האט אויפגענומען די ידיעה אז דער וועלטבאַרימטער אבערקאנטאר ר' גרשון סיראטא איז אנגעקומען קיין לאדז, מיט דער גרעסטער פריידע. אין זיין אָנווענהייט זענען געמאכט געוואָרען פראָגען: מיט דעם כאָר און עס זענען איינשטודירט געוואָרען איינינע נייע קאמפאָזיציעס שוין היינט איז אוונד וועלען אלע יודען האבען די מעגליכקייט צו הערען דעם גרויסען קינסטלער כאַזאַנא אין זיינע אמתע נגונים.

פראָגראם

פון לאדזער ראַדיא-סטאַציע

פרייטאג דעם 13.

11,30 — פרעסע איבערזיכט.
11,58 — צייט סיגנאַל.
12,30 — גראמאפאן מוזיק.
15,20 — ביכער איבערזיכט פראפ. ה' מאשטשיצקי.
15,45 — קאמוניקאטען פון פוילישען זינג פעראיין.
16,15 — ראדיא ווינקעל.
16,25 — גראמאפאן מוזיק.
17,15 — אייראפעאישע ריכטונגען צווישען גנבים אין די יאהרען 1905 —1915 רעפעראט פאלעס סראצקי.
17,45 — נאכמיטאג קאנצערט.
18,45 — לאדזער קאמוניקאטען.
19,50 — ראדיא צייטונג.
20,05 — מוזיק געשפרעך.
20,15 — סימפאנישער קאנצערט.
24,00 — טראנסמיסיע פון אויסלענדישע סטאנציעס.

שבת דעם 14.

11,30 — פרעסע בעריכט.
11,58 — צייט סיגנאַל.
12,30 — גראמאפאן מוזיק.
15,45 — חעמען די בערג קוראַרטען.
16,15 — קאאפעראציווע ידיעות.
17,15 — גראמאפאן מוזיק.
17,25 — חעמען קאמארע, פאר שפרייטער פון קראנקהייטען.
18,45 — אאורייציע פאר קינדער (פון ווארשא)
19,00 — קאמוניקאטען פון לאדז.
19,35 — ראדיא צייטונג.
20,00 — צייט סיגנאַל, פעליעטאן א. ה. גל.
20,15 — פאַבו ערער קאנצערט.
20,30 — קאמוניקאטען.
22,00 טראנסמיסיע פון קלאנגפילם (פון ווארשא).

פראטעסט-אקציע געגען דער קאלענדאר-רעפארם

די פראטעסט - אקציע געגען דער קאלענדאר-רעפארם דערגרייכט בעסלעכווייז צום העכסטען פונקט אין אלע עקען שטאט אין די זאך ברייט אויפגעקלערט און פאפולאריזירט געוואָרען.

די הייגער 250 בתי מדרשים און חברה'ת האבען שוין געזאמעלט א בעדייטענדע צאהל חתימות, און די גייען אונטערצושרייבען אויף בעגען דיזעלבע: כסדר גימנאזיע - שילערס און ישיבה-בחורים. געשטען זענען אין דער גאנצער שטאט פארגעקומען פערזאמלונגען מיט דער בעטייליגונג פון רבנים און פארשטעהער פון אלע ציוניסטישע און אגודה'ישע גרופירונגען. ווי ווייט די פערזאמלונגען האבען געהאט א פאלג, בעווייזט די צאהל פון הייגער דריי הונדערט נאמען, וואס האבען זיך דעקלארירט אויף זונטאג תיכף נאך די יום-טובים.

די שטאט איז געווארען איינגעטיילט אין 6 ראיאנען - פונקטען: קהלה, ציוניסטישע ארגאניזאציע, אגודה און שומרי שבת, סני — גדנסקא 62, באר מרים אויף ג'ע'ס ראיאן און נאמענער ביהמ"ד. יעדער ראיאן וועט זיך דארטען טרעפען זונטאג פריה, און איינע פון די פונקטען לויט זיין איינענער איינטהייל.

מארגען וועט מען רעדען אין אלע הייגע שולען און בתי מדרשים. די קאמיסיע האט בעשטימט דעריבער 50 רעדנער, וועלכע וועלען ארויסטרעטען אין פערשיידענע שולען. די גרעסטע שוהלען האבען געשיקט צו בעטיליגען זייערע שטענדיגע מטיפים אויך וועלען די מורי-הוראות רעדען אין די בתי-מדרש פון זייערע ראיאנען.

א קינד אין א וואליזע

סענסאציאָנעלע פאסירונג אין א צוג

(ע) געשטערן האט זיך אין צוג לאדז — שעראדז אריינגעזעצט א פרוי מיט א וואליזע אין האנט, נאך פארן אפגעהן פון צוג האט זיך די פרוי געווענדעט צו איהרעם א שכנישע אין קופע און געבעטען, זי זאל היטען די וואליזע, וויל זי מוז אויף אויגענבליק ארויסגעהן. דערווייל איז דער צוג אפגעגאנגען און די פרוי איז נישט צוריקגעקומען, די פרוי, וועלכע האט געהאט היטען די וואליזע האט זי דאך צושפעט אויפגעמאכט און געפונען א קינד. ווען די פרוי איז געווען מיט דעם קינד אין זיך פארשטאנען: די הייסט עדואַרד. אך האב נישט אויף איבערגעבען מיר האב עס געמוזט דא איבערלאזען".

די פאליציי זוכט די מוטער פון קינד.

סיסטעמאטישע גנבות אויף דער קאלישער באהן-סטאציע

ארעסטירט דעם גנב

נאך די באהן - קאסע איז זייט א לענגערער צייט געוואָרען אויפמערקזאם אויף דעם געוויסע פאקעטען פערשוואונדען פון פערשידענע זאכען, וועלכע האבען זיך געפונען אויף דער באהן - סטאציע. די גנבים האט זיך בשום אופן נישט איינגעגעבען צו ענטדעקען, ערשט געשטערן האט א פאליציאנט, אויף קאלישער באהן - הויף, בעמערקט א פערשוין, וואס מיט א באהן - בעאמטער מיט א גרויס פעקעל אונטערן ארעם. דער פערשוין האט בעמערקט, אז מען שטעלט איהם נאך און האט אנגעהויבען צו אנטלויפען, ער איז אבער פערהאלטען געוואָרען און ס'האט זיך ארויסגעשטעלט, אז דאס איז דער באהן - בעאמטער מיכאל אורבאניאק, דאס פעקעל, וואס ער האט געהאלטען אין האנד איז גע'גנב'עט געוואָרען אין א באהן - וואגאן. אורבאניאק איז ארעסטירט געוואָרען.

פערזיכערונגס-געזעלשאפט „איראפא" ווארשא

די אלגעמיינע פערזאמלונג פון די אקציאָנערען פון דער פערזיכערונגס געזעלשאפט „אייראפא" וועלכע איז פארגעקומען דעם 27 טען מאי ה. י. האט בעשטעטיגט דער פראטאקאל פון אויפזיכטס ראט ה' איגנ. ארטור מאכלייד, וועמען די פערזאמלונג האט איינשטימיג אויסגעוועהלט אלס פרעזידענט.

דעם גרויסען בעריכט וועגען דער טעטיגקייט פון דער געזעלשאפט פארן יאהר 1929 האט אנגעגעבען דער פרעזידענט פון דער פערוואלטונג וועלכער האט אין אנהויב בעטאָנט די אלגעמיינע ווירטשאפטליכע בעציהונגען אין פוילען, און וועלכע דער צווייג פון לעבענס-פערזיכערונג האט זיך דעם פערגאנגענעם יאהר ענגווי קלעמנהער האט ער פארגעשטעלט דאס בילד פון דער ענטוויקלונג פון דער פערזיכערונגס-געזעלשאפט „אייראפא". הגם די ווירטשאפטליכע בעציהונגען אין פוילען האבען זיך אין יאהר 1929 ענגווי קלעם אונטער'ן צייכען פון אימוזען פערקלענערונג, דאך האט זיך ביי די לעבענס פערזיכערונגען ארויסגעוויזען א שטייגערונג פון די פרעמיעס, וועלכע האט אויסגעמאכט פאר גאנץ פוילישע פערזיכערונגס-געזעלשאפטען דורכשניטליך 20 פראצ. אין פערגלייך מיט'ן יאהר 1928 און פאר דער געזעלשאפט „אייראפא" כמעט 25 פראצ. ד. ה. אז די געזעלשאפט „אייראפא" האט פארגרעסערט אין יאהר 1929 אין דורכשניט א העכערע ענטוויקלונג פון די איבריגע פוילישע געזעלשאפטען. די פרעמיעס פון דער געזעלשאפט „אייראפא" האבען אין יאהר 1929 בעטראָפען 6,120480,01 זל. די בילאנס - סומע איז אויסגעשטיגען ביז 9.339444 91 זל. און די סומע פון די לעבענס-פערזיכערונגען ביז 14 מיליאָן 756274 60 זל. דער גרונד-קאפיטאל בעטראָפט איצט 1 מיליאָן זל, די סומע פון די גילטיגע פערזיכערונגען בעטראָפט איבער 100 מיליאָן זל. די סומע פון די איינגעצאהלטע ענטשעדיגונגען און אייסקויפען האט דערגרייכט אין יאהר 1929 ביז 481,851,19 דער פערזיכערונגס-פאָנד אין דער סיכע פון 5.815 359 92 זל. איז געדעקט מיט אנגולדף דורך די אבבאוועגליכע גיטער, פאפירען, היפאָטעקען-לאקאלען און הלוואות פאר פאליס-משכנות. די געזעלשאפט האט צוגעבויט איהרע גרויסע הייזער אין ווארשא אויף מארשאלקאווסקא 136 און קרולעווסקא 18

1. קלאנג פילם קינא-טעאטער אין לאדז
„SPLENDID"
די לעצטע 3 טעג!
גרויסער קלאנג פון קלאנג-זינגענדען פילם א. ג.
די פרוי וועלכע וועט דיך קיינמאל נישט פערגעסען
מאנגט ערשטע ראָלע, און וועלכער ס'האט ביי פארמאכטע טירען
געשפילט די...
LIL DAGOWER
IWAN PETROWICZ און
דער פילם ווערט געזונגען און גערעדט אין פראנצויזיש.
אנהויב פון פארשט.: 6 אַ זייגער נאכם.
שבת און זונטאג — 4 אַ זייגער נאכם.
אויסטרעטען:
HANKA ORDONÓWNA
וועט האלטען א פארטראג און וועט זינגען:
„Sam mi mówiłeś"
i „Naprożno prosisz mnie"

מעלדונגען

פון „החלוץ - המזרחי"

שבת, דעם 14 יוני 9 אוהער קומט פאר א שיחה הברים געווידמעט דער פראטעסט - דעמאנסטראציע געגען דער עליה גזירה.

אלע חברים מוזען ווערען אויפגעפאדערט צו קומען פינקטליך. דער ועד.

אכטונג שניידער - מייסטער, הערן - שניידער! לויט דער אינגרייכטונג פון שניידער - מייסטער צעך פיעטרקאווער 20, איז ארגאניזירט געוואָרען ביי די קורסען פון „ארט" א ספעציעלער צושניידער - קורס פאר שניידער - מייסטער, וואס פירען זעלבסטשטענדיגע ווארשטאטען.

די לימודים קומען פאר אין די שפעטע אוונט-שעה'ן און דער שכר-לימוד איז א מינימאלער.

דער קורס הויבט זיך אן אין משך פון דער נייער וואך. איינגעע פרייע ערטער זענען נאך פאראן.

בעשרייבען קאן מען זיך אין ביורא פון „ארט" וואלטשאנסקא 10, אין צווישען אין די אוונט שעהן פון שניידער - מייסטער-צעך

ש. קאזאנאזסקי, ז. חודניצקי.

אלע גבאים פון די שוהלען, שטיבלעך און בתי מדרשים זענען אויפגעפאדערט צו רעדען שבת ביים דאווענען וועגען דעם אלגעמיינעם פראטעסט - מאַרש וואס קומט פאר היינטיגען זונטאג, געגען דער קאלענדאר רעפארם אין דער גאנצער שטאט העלפען אויסנוצען שיקט מען טענענען צו זאמלען חתימות פון שטוב צו שטוב.

מען דארף אונטערשטרייכען די גרויסע סכנה פאר'ן שבת און אויספאלען די מתפללים, זיי זאלען זיך שטעלען זונטאג אין דער קהלה, אדער אין די אנדערע זאמלונגס - פונקטען און אנטייל נעהמען אין דער ארבייט, ווער עס וועט צייט האבען א שעה, וועט זאמלען אין משך פון דער שעה, ווער מעהר צייט וועט מען איהם געבען מעהר הייזער צום זאמלען.

די פראטעסט - קאמיסיע געגען דער קאלענדאר רעפארם ביי דער יודישער קהלה אין לאדז.

פענסיאנאט
פאר קינדער אין קאלי
פון מאדאם פינקעלמאן
וועלכער געפינט זיך אין א שעהנעם געזונטען געגענט שוין געעפענט
שטרענג ריטועלע קוך. — ספעציעלע אויפזיכט.
קינדער פון 6 יאהר און העכער אנגענומען.
אינפארמאציעס טעלעפ. 127 98 אדער אין דער שול-קאנצעלאריע פון ה' גאלדבערג 5ל. 1-טער מאי 16 טעגליך פון 8-6.

אין דער 7 קלאסיגער שולע פון
יצחק גאלדבערג
Aleja I Maja 16, Tel. 127-98
ווערן אנגענומען איינשרייבונגען פון תלמידים צום נייעם שול-יאהר 1930/31
די דאזיגע שולע, וועלכע האט זיך שוין זייט יאהרען לאנג קונה שם-געווען אלס מוסטערהאפטע צווישען דער ארט לעהר-אנשטאלטען אין אונזער שטאט — ווערט פון נייעם שול יאהר און אי"ה ווידער אויסגעשטעלט דורך נייע פעדאגאגישע קרעפטען פון לעהרער ספעציאליסטען און מלמדים מומחים, יראים ושלמים אויף דער העכסטער מדרגה פון איהר אויפגאבע.
די גרעסטע ענערגיע און אנשטרענגונג וועלען אבער פארווענדעט ווערען אויף למודי קודש: חומש-רש"י, נ"ך, שלחן-ערוך, משניות און גמרא מיט תוספות, ווי אויך לשון-קודש און דקדוק.
אויסער די כתות און קלאסען פאר די שול-פליכטיגע תלמידים, איז אין דער שולע ספעציעל איינגעארדענט א קלאס פאר אנפאנגער, וועלכע אונטערליגען נאך נישט קיין שול-צוואנג, ספעציעל פאר אונגעפעהר 6 יאהריגע קינדער. און אויך בנוגע צו די „תינוקות של בית רבן" ווערט אין דער דאזיגער לעהר-אנשטאלט ענטפעלקט א קאלאסאלער ע. פאלג סיי אין די למודים סיי אינ'ם גאנצען יודישען חינוך.

א ראשעכע
נייה-מאשין
זינגערס און גאַדערא ווע אין בעסטען צושטאנד ביליג צו פערקויפען. צו ערפאהרען ביי גאלד-שמיד גדאנסקא 6.

נויטיג
יונגלעד
און מעדלעך צו לייכטע גאלאנטערי - ארבייט בעלד בעצאהלט ביי ש. שפילקא פלט. מארק 13

ביליג
צו פערקויפען
א מאשין ווי אויך רויטע אמאנעס גומע אויף קילא א יס, זארבייטען גום לעך צו ביער און סינאלקע מאשלען ביי שפילקא פלט.-מארק 13.

א וואוינונג
פון 2 צימער און קוך איז פון זומער איבערצוגעבען אויף וואלבארסקא 26 פראנט 1-טער שטאק צו ערפאהרען בם האלבאמיטש נאכמיטאג 16 פראנט 3 שט.

א צימער
צו פערמיטען וועלכע אפצוגעבען אויף לאדזשי פאר 2 פריילינס. צו ערפאהרען זאכאדניא 23 וו. 2.

א געוועלב
מיט א שטוב און א קוך איבערצוגעבען שענקעוויטשא 20 צו ערפאהרען ביים רושאנדרא.
מעקלערס בעוויגען.

יונגלעד
צו אפטעקער שכטלען בעגען באלדיגע צאהלונג ווערען פון זאפארט בעזוכט קילינסקי 40 ביי גרינשטיין.

אכטונג אייער-עקס-פארטערען
ווילענדיג זיך אריינגארדנען א רעציפיעלע הירשעפס פון היגנערס זיך איך א קאמיפליגס, איך וויל אויך קויפען אייער פלאץ פון עפליכ ; מאר-גען, און א שטומעל נישט ... זכהר מיט פון ... פען איינצוגעבען אין ... פאר „פארבער".

Park JULJANÓW
פון 8 אַ זייגער פריה אפען
שבת, דעם 14 ד. ח.
אויפטריטען פון אַ רוסישען געזאנגס-כאר אין נאציאנאלע קאסטיומען.
קאנצערט פון 3 נאכמ. פון א בעקס אן דושאזבאנד-ארקעסטער
אויפ'ן ארט: אַ ביער-האלע, צוקערניע, פערגעהען מיט קאלטע און וואַרימע שפייזען צו מעסיגע פרייזען
לודזעס, טעניס און פערשידענע פערגניגנען.
איינגאנג פאר דערוואקסענע 60 גר. שילער און מיליטער 30 גר.

אכטונג! וויכטיג פאר יעדען! אכטונג!
פרישע ריגער שפראטען
גאראנטירט פאר יעדע שאכטעל נור 1.35 צו בעקומען אין געשעפט ביי
י. ערליך, 14 צעגעלניאנא 14.
בעמערקונג: די שפראטען זענען פון פרישען פאנג. גלייכצייטיג מאך איך בעקאנט, אז די בעריהמטע מעה „שאנכיי" מיט דעם גוטען געשמאק און מיט דעם גוטען ציהען איז שוין אנגעקומען. די פלצ, וואס ערווארטען די שאנכייער טעה, קענען שוין ווידער בעקומען.
מיט אכטונג י. ערליך, צעגעלניאנא 14



Złoty medal na Wystawie w Katowicach 1927 r.
Zastępca: S. B. Redlic, Łódź, Południowa 86.

ŁÓDZKA ODLEWNIA ŻELAZA
„FERRUM"
Właśc. E. BAUER i A. WEIDMANN
Łódź, ul. Kilińskiego 121, tel. 218-20
Wykonywa szybko, dokładnie i po cenach umiarkowanych:
Wszelkie odlewy z szarego żelaza podług własnych lub nadesłanych modeli i rysunków. Wszelkie roboty ślusarskie. Wszelkie roboty tokarskie. Wszelką mechaniczną obróbkę metali.

Dyrekcja GIMNAZJUM MĘSKIEGO
Tow. Szerzenia Oświaty i Wiedzy Technicznej wśród Żydów
w Łodzi, Pomorska 46, tel. 10-664
מאכט דאמיט בעקאנט, אז די קאנצעלאריע נעהמט אן טעגליך אין די ביורא-שעהן איינשרייבונגען פון שילער אין אלע קלאסען.
די עקזאמענס הויבען זיך אן דעם 26-טען מאי.
ביים גימנאזיום עקזיסטירען איינטריטס-קלאסען A—C
שכר למוד אין די נידריגערע קלאסען וועט זיין בעדייטענד פערקלענערט אין די איינטריטס-קלאסען וועט עס בעטרעפען 25 זל. א חודש.
Dyrektor Szymon Herman

GIMNAZJUM ŻEŃSKIE
JóZEFA ABA
w Łodzi, Zielona 10, tel. 122-12.
איינשרייבונגען פון קאנדידאטקעס נעהמט אן דער סעקרעטאריאט פון גימנאזיום פון 10 ביז 1 בייטאג.
Dyrektor (—) J. AB. 68

א לאנגיעהריגער מילימער-בעאמטער
שרייבט אין ערלעדיגט אלערליי ביטעס און אינפארמאציעס אין זעמטליכע מיליטער אנגעלעגענהייטען. ספעציאליסט אין בית-שריפטען פאר איינציגע שפיינער. ס'ווערען אויך ערלעדיגט קלאזולעס אויף אלע שטעט אין פוילען.
ב. מאז. פיעטריקאווער 10.

DR. MED.
Z. Datyner
אויר"אלאג
ספעציאל-ארצט פאר בלעזער, גירגען און אויערן-קראנקהייטען
Piramowicza 2
(Olginska) Telef. 148-95
נעמט אן פון 9 —10 פארמ. און פון 6 8 אוונט.

Dr. med.
G. Gersztajn
ספעציאל-ארצט
אויגען קראנקהייטען
Traugutta 12
(טראוגוטא 12)
Telefon 175-10
נעמט אן פון 11 ביז 1 נאכמ. און פון 7 ביז 8 אוונט

Dr.
J. Pik
ul. Żeromskiego 36
tel. 175-50
przy Zielon. Rynku
Chor. nerwowe i wewnętrzne spec. psychonerwice (ataki nerwowe) Przymuje od 5—7
Dla niezamożnych ceny lecznic.

Dr. W. ŁAGUNOWSKI
Specjalista chorob skórnych, wenerycznych i moczopłciowych
przeprowadził się na ul.
Piotrkowskiej 70
róg Traugutta.
Przyjmuje od 8^{30} do 10^{30} rano, od 1-ej do 2^{30} pp., od 6 do 8^{30} wiecz.
w niedziele i święta od 10 do 1-ej.

Dr.
HELLER
ספעציאליסט פאר הויט-, ווענערישע קראנקהייטען און מענער-שוואכע.
נאווראט 2 טעל. 79-89.
נעמט אן ביז 10 פרוה און פון 4—8 אוונט. פאר פרויען ספעציעל פון 4—5 נאכמיטאג פאר אומבעמיטעלטע לעטשניצע-פרייזען.

Dr. med.
W. Eychner
גינעקאלאג אק. שער
זגערזשער 11
טעלעפאן 134—72
נעמט אן אינדערהיים פון 2-3 פ. מ. פון 7 9 נ. מ.
אין קליניק „סאנאטא" אגראדאווא 10 פון 12—1

Dr. ADAM
GROSGLIK
Al. Kościuszki 27
tel. 51-78
הויט און ווענערישע קראנקהייטען און ליפשטאליאנגען
נעמט אן פון 4—7 אין אוונט

לעהרערין
גיבט פערגאגין ערטיילט אונטערריכט פאר דערוואקסענע אין פוילישע יודישע און דייטשע שפראכען צו בילינגפרייזען
לאסמאן, בושעשינער 15

א לעהרער
מיט רעגירונגס-רעכט 16 יאהר פראקטיקירט, ערטיילט לעקציעס פאר שילער און דערוואקסענע: פויליש, דייטש ראכנען, טעכניק, מאטעמאטיק, און בוכהאלטעריע.
שיף, שוו, יאקובא 12
רעכטס אפיציני 1 שטאק 29

א לערן-יונגעל
צו עלעקטרישע זשיראנדלען, אויך צו עלעקטרישע ארבייט, קען זיך מעלדען ביי
מ. זענדעל,
פלאץ וואלנאשטשי 9.

ŁÓDZKI
SPÓŁDZIELCZY BANK HANDLOWY
z ogr. odp.
przy ul. Piotrkowskiej 38, Tel. 150-66
ערלעדיגט זעמטליכע באנק-אפעראציעס ווי:
אינקאסא אויף גאנץ פוילען ביי א מינימאלער פראוויזיע מיט אויסצאהלען צוזאנטען, טשעק און לויפענדע **רעכנונגען.** / **פערצינזונג** פון וועקלאדען. שפארזאמקייטס-וועקלאדען פון 1 זל. אן,—ווי אויך אין פרעמדע וואלוטעס. **ריסקאנטא.**

מעדרבען-גימנאזיום
„WIEDZA"—„וויעדזא"
62 וווסבאדניא 62, טעל. 175-38.
איינשרייבונגען פון ניי-איינטרעטענדע שילערינס אין די קלאסען A, B, C און
און 1 ביז VIII קלאס נעמט אן דער סעקרעטאריאט טעגליך, חוץ יו"ט, פון 10 ביז 2 נאכמ. פון פון 6—7 אוונט.
דירעקטאר (—) **B. JUDELEWICZ**

וויכטיג פאר לעטניקעס!!
די ערשטע לאדזער גוט בעקאנטע
פאבריק פון פאטענטירטע פעלד-בעטען
מאכט בעקאנט, אז צוליב'ן קריזיס האבען מיר פערקלענערט די פרייזען פון אונזער אויסארבייטונגען ווי: פעלד-בעטען 14 זל., פעלד-בעטען מיט ווענטלעך 18 זל., לעזשאקעס פון 8 זל. אן. טאבארעטקעס 3 זל., האמאקעס פון 9 זל. אונזערע פעלד-בעטען זענען פערזעהען מיט דער שוץ-מארקע „Palma-Patent", פאר וועלכע מיר גאראנטירען אויף פיל יאהרען.
אכטונג: פאדערט איבעראל פעלד-בעטען נור מיט דער מארקע „Palma-Patent"
„PALMA-PATENT"
מיט אכטונג, פירמע
אינה. **שווארצאווסקי**
פולנאצנא 24, טעל. 131-85

בעמערקונג: פאר פראווינץ — בעדייטענדע ראבאטען.

„PRACA"
פרויען-פאך-קורסען ביי דער געזעלש. צו פערשפרייטען פאך-קענטענישען איז לארז, וואלטשאנסקא 21
מאכט דערמיט בעקאנט, אז ס'ווערען אנגענומען איינשרייבונגען אויף פאלגענדע אפטיילונגען:
1) דאמען-שניידעריי 2) שטיקעריי
3) וועשעריי 4) אנרולאציע
5) מאניקור
דער סעקרעטאריאט נעמט אן איינשרייבונגען טעגליך פון 9—1 נאכמ. און פון 3—7 אוונט.

o podobnem brzmieniu.
wystrzegać się naśladownictw

וועבנעריש-כירורגישע
קליניק „SANATO"
אגראדאווא 10, טעל. 213-57
1-טע און 2-טע קלאס
ערצטליכע אויפזיכט
איבער דער מוטער און קינד.
פריי זעז פון געבורט
אין 2-טע קלאס צוזאמען מיט פערהיטונגס-מיטלען
200 זל.

טליתים-פאבריק
אויסארבייטונג פון וואלענע, האלב-וואלענע, זיידענע טליתים כמו טערקישע, קאלאמעיער, ווי אויך טליתים קטנים, הורט און דעטייל מיט אויספערטיגונג, אויך גארטלען, שפאניעס און ציצית
צו בעקומען ביליגער ווי איבעראל, ביי
א. ח. ציטרינאווסקי, קאמיעננא 1,
אין טויער, פארטער, קומט איבערצייגט אייך! ס'ווערען אויך אנגענומען אלטע טליתים צום וואשען

Dr. med. **J. BETTE**
ספעציאליסט פון אינערליכע און קינדער-קראנקה.
Piotrkowska 6, tel. 44-95
נעמט אן פון 8—11 פארמ. און פון 4—6 נאכמ

אכטונג!!
ה"ה פריזיערס!
פריזיר-וואסערן
45 ש ערקע פ׳ „וואלדער" 3.80 אקילא
ראזיר-זייף „Pixin" 8 זל.
„ „ „Oro" 5 „
ווי אויך זעמטליכע גומענע און שטאהל-ווארען צו שטרענג פאבריק-פרייזען. הורטאווניקעס בעק. ספעציעלען ראבאט.
PERFUMERJA
J. DRUKIER
ZAWADZKA 5, TEL. 175-92

א זיי
יעדען קוואנטום
שטעלען מיר צו פריוואט
פיעטריקאווער 36
טעל. 190-48 און 174 31

הולך בתום ילך בטח,
ומעקש דרכיו יודע
גזיל אלו וקיעי, קני בל חורש תא:
דיו אלו ימי וכל טי בנישו תא:
דירי ארעא ספרי ורשמי רשו תא:
קענען נישט איבערגעבען דאס רעיעלקיים פון דער אלט-בעוואוסטער רעכטסקאנסולענטען-ביורא פון ה׳
מאנעלא, פיעטריקאווער 17
(זאכאדניא 52) טעל. 148-79
וואו עס ווערט פינקטליך ערלעדיגט, געווי-סענהאפט געשריבען אלערליי ביטעס: ציווילע, קארנע, האנדלאווע, אפעלאציעס, ארוואלאציעס, סלאווזולעס, זאבעזפיעטשעניעס אויף אלע שטעט אין פוילען, וועגען דירות אין אורזשאנד ראזיעמטשי, ווי אויך איבערזעצונגען אין אלע שפראכען. מיט אכטונג ד. מאנעלא,
פעטריקאווער 17.

Dr. Med. NIEWIAŻSKI
ספעציאליסט פאר סיפיליס, טריפער און הויט-קראנקהייטען, בהאנדלונג פון מענער-שוואכע.
אנדזשעיא 5, טעל. 159-40
נעמט אן פון 8—11 פארמ. און פון 5—9 אוונט
זונטאג און יום-טוב פון 9—1 פארמ.

רעסטאראן

Moulin Rouge

מאניושקי 1, טעל. 111 04

גיט איום אין זומער-סעזאן געשמאקהאפטע און נארהאפטע **מיטאגעך** פון 3 גענג **2.25 זל.**

אונטער דער ליטונג פון ג׳ אינהאבער פון „Metropol״ ה׳ מ. קארנגאלד.

אווענט **אויפטריטען** פון **ערשטקל. קינסטלערישע קרעפטען**

די קעלנער זענען רייך פעויזעהען מיט פלערצערט אינגלענדישע און אויסלענדישע געטראנקען. אײנטריט פריי! נידריגע פרייזען!

LUNA

פיעכטיגע מוזיקאל. אילוסטר. אויסגעפיהרט פון סימפ. ארקעסטער א. ליטונג פון ל. קאנטאר

אנהויב 4 נאכמ. שבת און זונט. 12 ביי טאג

— הנחה-בילעטען גילטיג. —

היינט און פאלגענדע טעג! רעוו.-לאציע פראגראם פון דער בעריהמטער פראדוקציע FOX-FILM, וואס ענטהאלט צוויי פילמען

1) **ס׳מעדעל פון גיהנום**

מיטרייסענדע דראמע פון אנ׳ארטיסטקע, פאר וועלכער דאס לעבען איז געווען ליבע. אין דער הויפטראלע די שענסטע **MARY ASTOR**

2) **פריהלינג פון געפיהלען**

די שענסטע סימפאניע פון ליבע אויסגעפיהרט פון דעם רייצענדען ליבעס-פארל **HEL. TWELVETREES i FR. ALBERTSON**

קלאנג-פילם קינא-טעאטער

Grand-Kino

היינט און פאלג. טעג!

דאס ליד פון די נאטור-אויסברוכן

LUPE VELEZ ווירעוודע ביז צו טרעהרען דראמע מיטן אנטייל פון **Gary Cooper Luis Wolheim** דער אונפערגל׳ יכ׳יכ׳ר

Lupe Velez וועט זינגען די פרעכטיגע מוזיקאליש לידער. אויסערדעם דאס בעקאנטע ל ד: „iešń wieków״ וואס ווערט געזונגען אין די ווילדע לענדער ם נסאציע פון איצטיגען סעזאן

א נאכט אין דער מלוכה „Qvi-pro-Qvo״ ערשטער פוילישער ר-וויו פילם בעשטיצט אויף א אריגי.-עלע אויפנאמען אין די ווארשאווער טעא-טערס Qvi-pro-Qvo.

עס נעמען אנטייל **Hanka Ordonówna, Zimińska, Górska, Jarosy, Krukowski, Tom i inni**

אנהויב 4 30 נאכמיטאג

APOLLO

היינט און פאלגענדע טעג!!!

גרויסע פרעמיערע!!!

Emil Jannings

אלס אפאש אין דער גרויסער מיסטרי-סענזאציאנעלער דראמע א. ג. **די גאס פון זינד**

נעבן דער פ-א-ראם: **„די אפפערוווילליגע נאכט״**

אין די איבעריגע ראלען: **Fay Wray, Olga Bakłanowa**

פרייזען פון די פלעצער אויף די ערשטע סעאנסען 30, 50 און 75 גר.

CZARY

קינא אין גארטען איינציגער אין צענטרום שטאט **קינא אין גארטען**

די רויטע טעבעצערקע

אין דער הויפטראלע: **Dolores del Rio**

פרייזען פון די פלעצער בעגינען פערקלענערט! אויף אלע סעאנסען זענען די פלעצער צו 50 גר. און 1 זל. טעגליך 2 סעאנסען: פון 8-10 און פון 10-12 אוונט.

Kino Spółdzielni

Sienkiewicza 40.

די פרייזען זענען בעדייטענד פערקלענערט געווארען.

אנהויב אין וואך. טעג 4 נמ. שבת, זונטאג 2 בייטאג, לעצטער סעאנס 10 אווענט. אויפ׳ן 1-טען סעאנס זענען די פרייזען פון אלע פלעצער צו 60 גר.

קינא אין גארטען!

צום ערשטען מאל אין לאנד!

„זינדיגער״

קלאנג פון דער היימישער פראדוקציע, וואס אילוסטרירט די געשיכטע פון א זינדיגער ליבע. אין די הויפטראלען:

Jerzy Marr, Greta Graal-Podwalska, Marjan Jednowski

א. א. פערשטארקטער ארקעסטער. — נעבסטער פראגראם: **„אונטערגאנג פון מזרח״** נעגיאלע דער קיניגע ... אין די הויפטראלען: **Benita Hume, Jameson Thomas**

קלאנג-פילם-טעאטער

היינט — און — פאלגענדע טעג

פרויען נישט צו הייראטען

גרויסע זיטען-דראמע, וואס שפילט זיך אפ אין די גאר-לאקאלען און נארקאטיזירען פון דער „גאלדענער יוגענד״ אין די הויפטראלען:

JOAN CRAWFORD, ANITA PAGE, DOROTA SEBASTIAN, NILS ASTHER

אויכע פראגראם: דער בעריהמטער זינגער פון בראדוויי G. WASCHINGTON וועלכער וועט אויפפיהרען א ריהע לידער.

אנהויב 5 נאכמיטאג. שבת און זונטאג: 2 און 4 ביי טאג. הנחה-בילעטען גילטיג. אויף ערשטע סעאנס אלע פלעצער צו 1 זלאטי

קינא-טעאטער

ZACHĘTA

26 זגערזשער 26

(ביים פלאץ קאסטעלני)

היינט און פאלגענדע טעג!

גרויסע פרעמיערע!

Pat i Patachon

אלס צייטונגס-פערקויפער

הוראגאנען פון געלעכטער! קאמישע איינפאלען! פערשטארקטער ארקעסטער.

דער זאל ווערט מעכאניש ווענטילירט

בעמ.: בעת דער פויזע קאנצערט פון גיגאנטישע מארקאני-ראדיא

קינא-טעאטער

PRZEDWIOŚNIE

זשעראמסקעגא 74/76.

צופאהר מיט טראמוואיען: 5, 6, 8, 9 און 16.

היינט און פאלגענדע טעג! גרויסע פרעמיערע!

אונטערן צייכען פון שאנדע

אין די הויפטראלען: **VILMA BANKY, LOIS WOLHEIM, WALTER BYRON**

ארקעסטער אינטער דער ליטונג פון ה׳ א. בשורנאווסקי. א הויב 4 נאכמ. שבת און זונטאג 2 בייטאג

Wodewil

1 גלובנא 1.

ODEON

2 פושעיאָזר 2.

גרויסער דאפעלטער פראגראם! 1) **„מאניקער-שארלאטאן״**

סענסאציאנעלער סאָוו.-פילם פון אונגעוועהנל כער שפאנונג. — אין די הויפט ראלען: **HOLMES HERBERT, MARGARET LEVINGSTON**

2) **„אמאל איז לעבען״** א פילם, וואס פערשאפט פערגעניגען!

קינא **„ERA״**

פרי-תער „פלארא״ זאווישא 22 (בצלוט)

אנהויב. פון די פארשטעלונגען 5.30 נאכמ. שבת און זונטאג 12.30 א זייגער ביי טאג.

פערשטארקטער ארקעסטער

דער זאל איז מעכאניש ווענטילירט

אויפ׳ן פיעדלאנג פון פובליקום! דער גרעסטער און ערקענטער א. פוילישער פילם! די פערל פון דער פוילישער קינא-קונסט

דאס געהיימניש פון דער טראמוויי-סטאציע

(Tajemnica przystanku tramwajowego)

אין די הויפטראלען: די קעניגין פון פוילישן עקראן **Jadwiga Smosarska, Józef Węgrzyn, K. Junosza-Stępowski**

אנאנסען-פרייזען: פאר׳ן טעקסט—18 גר. פרייטאג און ערב יו״ט—24 גר. יעדער זייט 8 שפאלטען
אין טעקסט—40 . . . . 60— 4
טעקסט—12 . . . . 18— 8
פאר א פילמפאר-יארוט נאכ׳ן טעקסט—12. אויסער דער שטאט 50 פראצ. טייערער. מעלדונגען—10 גר. א ווארט. 100 פראצ. טייערער. אויסל.

אבאנאמענטס-פרייזן: אין לאדז — 5 זל. א חודש מיט אפטראגען א היים; אויף דער פראווינץ 6 זל. א חודש; אין אויסלאנד — 8 זל.
פאר׳ן אינהאלט און טערמינען די אנאנסען איז דער פערלאג נישט פעראנטווארטליך. די אדמיניסטראציע איז אפען ביי טאג און ביינאכט.

Za Wydawnictwo „Najer Folksblat", spółdz. z odpowiedz. udziałami: Ch. J. Brzustowski i D. Zilberberg.   Redaktor odpowiedzialny: Ch. Kaufman

Czcionkami i druk. „Najer Folksblat", Piotrkowska 21.